STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01521

POYLN

Ziskind Liev

Permanent preservation of this book was made possible
in memory of Molly Meislik Z"L

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זיסקינד ליעוו

פוילן —
אַ שעכטהויז
פאַר מענטשן

אַרויסגעגעבן

פון די

ביאַליסטאָקער, נאָווי־דוואָרער און טשענסטאָכאָווער הילפס־
קאָמיטעטן צו שטיצן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילן

ניו יאָרק, 1933

צום ליכטיגן אָנדייגק פון די פאַרפייניגטע קעמפער אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה, 1932—1931

אַלעקסיי שישל,
דימקאָוויטש,
פּאָול באָנדעראָוויטש,
אַלעקסאנדער קאָלאָדאָ
וולאַדימיר קאָרסאַק,
כאַצקל כהן (וואַרשעווער פּאַוויאַק)

אייער מאַרטירערישער לעבן, אייער העלדישער טויט, וועקן אונז צו ברייטע אַרבעטן פאַר די פּאָליטישע ארעסטירטע אין פּוילן.

הילפס־קאָמיטעט צו שטיצן די פּאָליטישע געפאַנגענע אין דער ביאַליסטאָקער קאַטאָרגע.

ווער זיינען די שולדיגע?

(פאָרוואָרט פון פ. נאָוויק)

די צוויי דאָקומענטן, וואָס ווערן דאָ באַלויכטן דורך דער טאַלאַנט־פולער און שטאַרקער פעדער פון׳ם רעוואָלוציאָנערן קינסטלער ז י ס ק י נ ד ל י ע ו ו, זיינען אין אמת׳ן, ווי חבר ליעוו זאָגט אַליין, צוויי דאָקומענטן פון טויזנטער. דער לייענער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" האָט שוין געהאַט די געלעגנהייט מיט פיר־פינף יאָר צוריק צו באַקענען זיך מיט דעם שוידערלעכן סאַדיזם פון דער פוילישער דעפענסיווע (אָכראַנקע), דורך די אַרטיקלען פון חבר ד. באָגען. שוין דעמאָלט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַזוינס, וואָס האָט אויפגעשוידערט בעת מען האָט עס געלייענט, און האָט ווי מיט צוואַנגען אָנגעכאַפּט פאַרן האַרצן, און האָט פאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. דערנאָך איז געקומען די באַרימטע „געשיכטע לוצק", וואָס האָט אויפגעשטורעמט די אַרבעטער פון אַ סך לענדער, און וואָס האָט באַוועגט אַ גרופּע אינטעלעקטואַלן פון איראָפּע, בראש מיט אַנרי באַרביוס, אַרויסצוטרעטן מיט אַן עפנטלעכן פּראָטעסט געגן די מעשים אין די פוילישע טורמעס. די גאַנצע אַרבעטערשאַפט אין פוילן האָט זיך געווענדט פון אויפרעגונג פון די שוידערלעכע פּייניגונגען אין דער לוצקער דעפענסיווע (פאַרגוואַלטיגן, אַריינפּאָמפּען אורין אין די לונגען, פאַר׳סמ׳ען מיט סיפילים, א. אַ.) אַזוי אַז פון דער טריבונע פון פוילישן סעים (פּאַרלאַמענט) האָט מען געשטעלט „אָנפראַגן" דעם מיניסטעריום, אַזוי העפלעך ווי מען האָט נאָר געקאָנט, און — ביי דעם איז עס געבליבן.

און דאָ שילדערט אונז חבר זיסקינד ליעוו איינעם פון די שרעקלעכע סאַדיזם־אַקטן אין דער לוצקער טורמע — דאָס פּייניגן פון דער חבר׳טע ראָזאַ צימערמאַן (וועלכע געפינט זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און פּרובירט דערהאָלן איר פיזיש־רואינירטן קערפּער). עס ווערט אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג איבער די פּאָגראָמען אין די אוקראַינישע דערפער און עס ווערט באַלויכטן עטוואָס פון דער „פּאַציפיקאַציע" פון גאַליציע. צוזאַמען דערמיט דערציילט ער אונז, וואָס עס האָט פּאַסירט אין לעמבערג מיט דער חבר׳טע איטקע שטיפּטער (די בילדער פון די ביידע געפּייניגטע זיינען דערשינען אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אין מערץ, 1932, ווען די דאָקומענטן האָבן זיך געדרוקט, אין פאָרזעצונגען). דאָס, וואָס די חבר׳טע שטיפּטער איז געפּייניגט געוואָרן אין לעמבערג, דערמאָנט נאָר, אַז לוצק איז ניט געווען קיין אויסנאָם אין דער „אַרבעט" פון דער פוילישער דעפענסיווע, נאָר אַ טייל פון כלל. אומגעפער אַזוי פּייניגט מען אין די טורמעס פון מערב־ווייס־רוסלאַנד, ווי חבר באָגען האָט עס געשילדערט, און אַזוי איבער די מייסטע

טורמעס פון פּוילן. אין זומער 1932 זיינען צוויי אידישע אַרבעטער, לייב מענאַקער און דוד סקולטשיק, פאַרפּייניגט געוואָרן צום טויט אין גראָדנער טורמע.

„פּוילן — אַ שעכט־הויז פאַר מענטשן", איז ניט קיין איבערטריבענער נאָמען. גיכער אַ צו־דעליקאַטער נאָמען. מען שעכט — ניט מיטאַמאָל, נאָר מען דערלאַנגט דעם טויט אויף די שפּיצן פון דינע, איידעלע שפּיזלעך, און מען גיט אים אין קליינע דאָזעס, ביסלעכווייז. די פּוילישע דעפענסיווע האָט איר בלוטיגן, באַרבאַרישן סאַדיזם — די ווערטער זיינען צו־בלאַס פאַר אירע מעשים! — דערפירט ביז אַ „קונסט"! דאָ האָט מען צוגעטראַכט אַזעלכע העכסט־איידעלע, העכסט־דינינקע און אַזעלכע העכסט־געמיינע פּייניגונגען, וואָס די אינקוויזיטאָרן אין די וויניגער „ציוויליזירטע" ציַיטן, אין מיטל־אַלטער, האָבן אַפּנים ניט באַוויזן צוצוטראַכטן. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ סיסטעם, וואָס זוכט אַרויסצוצווינגען פון די אַרעסטירטע קעמפּער אַ „יע" אויף די פּראָוואָקאַטאָרישע פּראָטאָקאָלן, וואָס מען רוקט זיי אונטער, אָדער מען וויל זיי צווינגען אַרויסצוגעבן די נעמען און אַדרעסן פון אַנדערע קעמפּער. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ סיסטעם פון מענטשן־חיות, וואָס אין זייערע הענט ליגט די אויפהאַלטונג פון דער פּוילישער פאַשיסטישער מלוכה.

: : : : : :

עס ציטערן די הענט פון אויפרעגונג, עס הויבט אָן ברענען דער מאַרך — ווען איר לייענט איבער די צוויי דאָקומענטן, וואָס ווערן דאָ באַשריבן, און עס טרייבט אייך צו אַקציע.

טאָן! עפּעס מוז געטאָן ווערן!

געוויס דאַרף עס אונז טרייבן צו הילף־אַקציע פאַר די פיל טויזנטער פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס מאַטערן זיך אין די טורמעס פון פּוילן — אין וואַרשעווער פּאַוויאַק, אין דער ווילנער לוקישקי, אין ביאַליסטאָקער טורמע, אין לוצק, לעמבערג, גראָדנע, בריסק, לאָמזשע, קראָקע, פּויזן, קאָוועל און אַנדערע. כאָטש וויפיל־ניט־איז פאַרלייכטערן די עקזיסטענץ פון די געפּייניגטע און פון אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס ליידן פון דעם אַלגעמיינעם בלוטיגן רעזשים! דאָס איז אַ דרינגענדיגע זאַך.

אין די פּוילישע טורמעס האָט מען ביי די פּאָליטישע אַרעסטירטע אָפּגענומען אַפילו דאָס, וואָס דער צאַריזם האָט אַזעלכע געגעבן — די באַזונדערע פּריווילעגיעס. מען האָט די פּאָליטישע געשטעלט אויפן זעלביגן „רעכט־לעבן" באָדן, ווי קרימינעלע. פאַקטיש איז די פּאָליטישע ע ר ג ע ר ווי די קרימינעלע. די טורמע־מאַכט באַנוצט אָפט די קרימינעלע, העצט זיי אָן אויף די פּאָליטישע. אין פיל פאַלן זוכט מען צו האַלטן אידן באַזונדער פון ניט־אידן, און מיט דער הילף פון קרימינעלע אויסוואורפן, וואָס די אַדמיניסטראַציע גרופּירט אַרום זיך, מאַכט מען פּאָגראָמען אויף די אידישע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די טורמעס.

העלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע איז אַ דרינגענדיגע נויטווענדיגקייט. אָבער דאָס קאָן ניט אינגאַנצן צופרידנשטעלן. דער מוח הערט ניט אויף ברענען. די פויסטן ביילן זיך און ציען זיך צו די שולדיגע!

די שולדיגע! די מערדער! רעכענונג זאָלן זיי געבן!

איז ווער זיינען די מערדער?

די וואַיטשעכאָווסקים? די זאַרעמבאַס? די טקאַטשוקס? אָן צוויפל! פון צייט צו צייט רעכנט זיך אָפּ דער פוילישער אַרבעטער־קלאַס פאַר זיינע קרבנות. אַזוי האָט אין לעמבערג באַצאָלט דער סאַדיסט־הענקער וואַיטשעכאָווסקי, וואָס האָט געפייניגט די חבר'טע שטיפּטער און פיל אַנדערע (מען האָט אים געשאָסן אין מערץ, 1932). אָבער דאָס איז וויט ניט ד ע ר מיטל. וועט ניט זיין וואַיטשעכאָווסקי, וועט זיין אַן אַנדערער. נעמען מוז מען זיך צו די, וואָס ב אַ ש אַ פ ן די וואַיטשעכאָווסקים, וואָס האַלטן אויף די גאַנצע הענקער־סיסטעם!

די אמת'ע מערדער, די אמת'ע סאַדיסטן־הענקער זיצן אין דער פּוילישער רעגירונג. און דער הויפּט פון דער הענקער־באַנדע איז — יוזעף פּילסודסקי, דער פאַשיסטישער דיקטאַטאָר פון פּוילן. ע ר איז דער שולדיגער, און די אַלע וואָס שטיצן אים!

ווער שטיצט פּילסודסקי'ן? ווער שטיצט דאָס פאַשיסטישע פּוילן?

הינטער פּילסודסקי'ן שטייען די „ציוויליזירטע" רעגירונגען פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע. די רעגירונגען ווייסן, וואָס אין די פּוילישע טורמעס קומט פאָר. דאָס מאַכט אָבער אויף זיי קיין שום איינדרוק ניט, ווייל זיי אַליין זיינען גרייט אויף די בלוטיגסטע מעשים כדי צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

די רעגירונג פון פראַנקרייך, די ענגלישע רעגירונג, די הערשער אין וואַשינגטאָן — זיי אַלע זיינען שולדיג צוזאַמען מיט דער פּילסודסקי־רעגירונג!

שולדיג, צוזאַמען מיט פּילסודסקי'ן, זיינען, אין פּוילן, די אַלע, וואָס גייען מיט אים. און דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן די בורזשואַזע פּאַרטייען, נאָר אויך וועגן די „סאָציאַליסטישע". באַזונדערס טאַקע, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער דעפענסיווע, וואו די פּע־פּע־עס האָט געהאַט אירע פאָרשטייער!

אָט דער בלוטיגער פאַקט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער צייט פון די בריסקער געשעענישן, ווען פּילסודסקי האָט אין דער בריסקער פעסטונג געגעבן צו פאַרזוכן פירער פון די פּע־פּע־עס און אַנדערע פּאַרטייען (ליבערמאַן און אַנדערע) עטוואָס פון דעם טעם פון ווערן געפייניגט. דעמאָלט האָבן די פירער פון דער רעכטער „סאָציאַליסטישער" פראַקציע, וואָס איז אַוועק אָ פּ ן מיט פּילסודסקי'ן (מאָראַטשעווסקי און אַנדערע) דערציילט אין דער פּרעסע, אַז די פּע־פּע־עס האָט מיטגעאַרבעט אין דער דעפענסיווע; עס האָט געהייסן: איר, פּע־פּע־עס'ניקעס, איר האָט זיך ניט וואָס צו באַליידיגן אויף די מעטאָדן פון דער דעפענסיווע — איר האָט געהאָלפן די מעטאָדן אויסאַרבעטן!

די פּע־פּע־עס, ווי דער „בונד", ווי געוויסע בורזשואַזע פּאַרטייען (ווי די פּאַרטיי פון ווינצענטי וויטאָס — וועלכער איז אויך אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער בריסקער פעסטונג — און די ען־דעקישע פּאַרטיי), קאָנען האָבן סיכסוכים מיט פּילסודסקי'ן איבער דער איינטיילונג מיט דער מאַכט,

אינערלעכע סיכסוכים, אָבער אין די פונדאַמענטאַלע ענינים זיינען זיי איייניג: אין דער אויפהאַלטונג פון דער בורזשואַזער רעפובליק, אין פאַרפאָלגן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. און מיט זייער טאָג־טעגלעכער העצע געגן די „רויטע באַנדיטן" גרייטן די „סאָציאַליסטישע פּאַרטייען" צו דעם מאָראַלישן באָדן פאַר די סאַדיסטישע אינקוויזיציעס. אין דער העצע צייכנט זיך אויס דער „בונד" ניט ווייניגער ווי די פּע־פּע־עס, אויב ניט מער.

און אַז מען האַלט ביי די אידישע מיטשולדיגע פון פּילסודסקי'ן, מוז דערמאָנט ווערן דער גאַנצער אידישער שאָוויניזם, מוז דערמאָנט ווערן ש ל ו ם א ש, וועלכער טראָגט פּילסודסקי'ס מעדאַל. מוזן דערמאָנט ווערן די אידישע שאָוויניסטישע צייטונגען — „טאָג", „פאָרווערטס", „מאָרגן־זשורנאַל" — וועלכע זוכן כסדר פּילסודסקי'ן צו ריינוואַשן.

אָט די צייטונגען האָבן גאָרניט געהאַט ביי זיך וואָס צו דערציילן וועגן דער געשיכטע לוצק. אפילו ווען אין סעים האָט מען וועגן דעם גערעדט, האָבן אָט־די צייטונגען געשוויגן! זיי האָט עס ניט אָנגערירט! (דאָס זיינען דיזעלביגע צייטונגען, וואָס שרייען מיט באַנומענע קולות וועגן די ניט־געשטויגענע „אינקוויזיציעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד!). און אין נאָוועמבער, 1932, נאָכן דעמאָלטדיגן ווילנער פּאָגראָם, האָט אב. קאַהאַן דערקלערט אין „פאָרווערטס", אַז פּילסודסקי האָט ניט ליב קיין פּאָגראָמען און איז אַ מענטש „מיט אַ ברייטן שטריך פון פאָרגעשריטנקייט און אידעאַליזם"! אָט וואָס פאַר אַ מענטש עס איז דער העלד פון לוצק, דער פאָטער פון די זאַרעמבאַס און וואָיטשעכאָווסקיס!

אָט ווער זיינען די אַלע מיטשולדיגע — צוזאַמען מיט די פּייניגער פון די חבר'טעס עטקע שטיפטער און ראָזאַ צימערמאַן און פון די אוקראַאינישע פּויערים!

די בלוט־פאַרגליווערנדיגע פאַקטן, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעבראַכט דורך דער פּעדער פון חבר זיסקינד ליעוו, טרייבן צו מעשים! דעם רעוואָלוציאָנערן קינסטלער איז געוויס ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט די צוויי דאָקומענטן צוזאַמענצושטעלן. ער האָט אָבער אָן ספק געפילט וואָס פאַר אַ וויכטיגע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט ער טוט.

די דאָקומענטן רייסן אַרונטער דעם „ציוויליזירטן" אָנשטעל פון די קאַפּיטאַליסטישע הערשער און זייערע דינער, פון זייער פּרעסע, ליטעראַטור, און גאַנצער „קולטור"! די דאָקומענטן שטעלן אַרויס די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט פאַר וואָס זי איז — אַ בלוטיגע, מערדערלעכע געזעלשאַפט, ביי וועמען קיין זאַך איז ניט צו נידעריג און צו בלוטיג אויף אָנצוהאַלטן איר עקזיסטענץ.

געגן דער ג ע ז ע ל ש אַ פ ט פון די פּילסודסקיס און זאַרעמבאַס מוז געקעמפט ווערן!

געגן די סאָציאַל־פאַשיסטישע און אידיש־שאָוויניסטישע משרתים פון די דאָזיגע הענקער!

און געגן די האַרן פון די הענקער אין פּאַריז, לאָנדאָן און וואַשינגטאָן!

פּ. נאָוויק

ניו יאָרק, יאַנואַר, 1933

ערשטער דאָקומענט

לעמבערג.
פאַרנאַכט פון 10טן סעפּטעמבער, 1930.

עטקע שטיפּטער איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט. זי האָט געאַרבעט ביי אַ שניידערין. די מוטער איז געלעגן קראַנק אין בעט, און ערשט עטקע האָט גענומען עפּעס אָפּקאָכן פאַר אַ גאַנצן טאָג. דערנאָך איז געקומען דער פאָטער פון דער אַרבעט, און די אַנדערע צוויי שוועסטער. ווען מען האָט אָפּגעגעסן, האָט זיך עטקע געזעצט צום טיש מיט אַ ביכל, און זי האָט געלעזן. אויפן טיש האָט געברענט אַ נאַכטלאָמפּ.

אין דער טיר האָט מען אָנגעקלאַפּט. אין שטוב זיינען אַריינגעקומען צוויי נאָבעלע הערן. זיי האָבן באַגריסט און אַראָפּגענומען די היטלען. זיי זיינען געווען ביידע הויכע, ברייטע, געזונטע מענטשן, גוט אָנגעטאָן, גוט פריזירט, קיינער אין שטוב האָט זיי נישט געקענט.

איינער פון די צוויי האָט געמאָלדן, אַז זיי זיינען פון דער פּאָליציי, ער האָט געוויזן אַ לעגיטימאַציע, און ער האָט געפרעגט, ווער עס הייסט דאָ עטקע שטיפּטער. עטקע איז בלאַס געוואָרן, און זי האָט געזאָגט, אַז זי עס. די קראַנקע מוטער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, זי האָט געציטערט. דער פאָטער איז געשטאַנען לעבן טיש. ער און אַלע אין שטוב האָבן געשוויגן.

די צוויי פּאָליציי־אַגענטן האָבן דורכגעזוכט די שטוב, עס האָט נישט לאַנג געדויערט. זיי האָבן קיין „פאַרדעכטיגע" זאַכן נישט געפונען. יעדנפאַלס האָבן זיי גאָרנישט גענומען מיט זיך. נאָר זיי האָבן געהייסן עטקע'ן גיין מיט זיי. ערשט דעמאָלט האָט דער פאָטער געפרעגט, פאַרוואָס זיי נעמען זי מיט. זיי האָבן געענטפערט: ווייל זי איז אַ קאָמוניסטקע.

עטקע האָט אָנגעטאָן איר מאַנטל. זי איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער זיך געזעגענען. די מוטער האָט געוויינט. דער פאָטער האָט געציטערט מיט די ליפּן, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט. די צוויי נאָבעלע הערן זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט עטקע'ן פון דער שטוב.

זיי האָבן זי געפירט אין דער ערשטער פּאָליציילעכער אויספאָרש־סטאַנציע אין דער יאַכאָוויטשער גאַס. איבערן גאַנצן וועג האָבן זיי מיט איר נישט גערעדט קיין וואָרט. זי איז געגאַנגען אין דער מיט צווישן זיי ביידע. אין דער יאַכאָוויטשאַ גאַס האָט מען זי אַריינגעגעבן אין אַ קאַמער, פּאַרטער, וואו עס האָבן זיך שוין געפונען פון פריער אַרום 20 מיידלעך.

באַלד ביים אַריינקומען אין קאַמער האָט עטקע דערקענט, וואָס פאַר אַ מיידלעך דאָס זיינען. זיי זיינען אַלע צו איר גלייך צוגעלאָפן און האָבן אָנגעהויבן ציפּן פון אַלע זייטן ביים מאַנטל: וואו מען האָט זי אויפגעכאַפּט, ביי וועלכער גאַס, צי מען האָט זי געטראָפן מיט אַ „גאַסט", און צי זי האָט נישט קיין „ביכל"?

דאָס איז געווען אַ קאַמער מיט פּראָסטיטוטקעס. ווען עטקע האָט זיי געזאָגט, אַז זי איז אַ פּאָליטישע, האָבן זיי זיך ערשט צוביסלעך פון איר אָפּגערוקט, מיט חוזק און מיט זידלערייען. די זידלערייען אין דער קאַמער האָבן איבערהויפּט נישט אויפגעהערט. זיי האָבן זיך שטאַרק געזידלט איינע מיט דער אַנדערער. עטלעכע מאָל איז עס געקומען צו געשלעגן. זיי האָבן פון זיך אַראָפּגעריסן די בלוזקעס, און זיי האָבן זיך צעגראַטשעט אין די פּנים׳ער. ביינאַכט זיינען זיי געשלאָפן צו צוויי אויף אַ שטרוי־זאַק. עטקע איז אויך געלעגן מיט איינער פון זיי. זי איז אייגנטלעך נאָר געזעסן אויפן שטרוי־זאַק און נישט געלעגן. זי איז נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט, ווייל יעדע מינוט האָט זי געוואַרט, אַז מען זאָל זי קומען נעמען צום פאַרהער. אָבער אין יענער נאַכט האָט מען זי נישט גערופן, און אַ גאַנצן טאָג דערנאָך אויך נישט.

די פּראָסטיטוטקעס האָבן זיך געהאַלטן אין איין זידלען. זיי האָבן זיך געשלאָגן און זיי האָבן זיך באַוואָרפן מיט שמאַטעס. עטקע האָט זיך אָנגעהערט די עקלהאַפטסטע געשיכטן פון זייער לעבן, וועגן זייערע „פאַרדינסטן״, וועגן זייער באַהאַנדלונג פון „קונדן״, וועגן „ליבעס״ און איפּערזוכטן — אַ וועלט פון שמוץ און חיה׳שער רויקייט, וועלכע קען נאָר עקזיסטירן אין אַ בירגערלעכער געזעלשאַפט. עטלעכע פּראָסטיטוטקעס האָבן עטקע׳ן אַליין דערציילט, אַז די אַרבעטלאָזיגקייט און די נויט פון זייערע היימען האָט זיי דערצו געטריבן. עס האָט ביי זיי לאַנג געדויערט, ביז זיי האָבן זיך געקענט צוגעוואוינען בלויז צו דעם געדאַנק, אַז זיי מוזן אָנהויבן פירן אַזאַ לעבן. אָבער עפּעס אַנדערש איז זיי נישט איבערגעליבן, ווי אויסגיין פאַר הונגער — אָדער דורך פאַרקויפן זייער קערפּער פאַרדינען אויף ברויט...

עטקע איז דעמאָלט אַלט געווען אַכצן יאָר. זי האָט געטראַכט, ווי שרעקלעך עס איז, ווען מען פאַלט אַריין אין די הענט פון אַזאַ לעבן. אַזאַ לעבן וויקלט זיך אַרום ליב ווי אַ שלאַנג, פּרעסט זיך אַריין אין די קישקעס און לאָזט נישט מער אָפּ דעם קרבן פון זיך...

עס איז געווען ביינאַכט, שוין די צווייטע נאַכט, ווען עטקע איז געזעסן אויפן שטרוי־זאַק מיט איר פּאַרטנערין, — האַנקע האָט זי געהייסן, — און די האַנקע האָט איר דערציילט פון איר לעבן. עטקע האָט געשווידערט פאַר קעלט — וואָס פאַר אַ לעבן מענטשן פירן... די אַנדערע אין האַמער זיינען שוין האַלב געשלאָפן. דעמאָלט האָט זיך געהערט אויפשליסן די טיר. עס איז אַריינגעקומען איינער פון די צוויי, וועלכע האָבן עטקע׳ן אַוועקגענומען פון דער שטוב. האַנקע האָט אין דער שטיל אַ זאָג געטאָן: „וואָיטשעכאָווסקי״. דאָס אויפשליסן די קאַמער און דאָס דערמאָנען דעם נאָמען „וואָיטשעכאָווסקי״ האָט אויפגעוועקט די מיידלעך. אַלע האָבן זיך אויפגעזעצט. וואָיטשכאָווסקי האָט אויסגערופן: „עטקע שטיפּטער״!

זי איז אויפגעשטאַנען. די מיידלעך אין דער קאַמער האָבן אָנגעהויבן צו שרייען:

מען גייט זי שלאָגן!

—מען טאָר נישט שלאָגן!

— פאַרוואָס שלאָגט מען דאָ?

זיי האָבן געמאַכט קולות, אַלע האָבן צוגלייך געשריגן.

וואיטשעכאווסקי האט געזאגט, אז ווען זיי וועלן באלד נישט שטיל ווערן, וועט ער הייסן זיי אנכליאפן מיט קאכנדיגן וואסער. זיי זיינען שטיל געווארן. ער האט אנגענומען עטקע'ן ביי דער האנט און האט זי ארויסגעפירט.

ער האט זי געפירט איבער א טונקעלן הויף, ארויף אויף שטיגן, אדער דורך א טונקעלן קארידאר, דערנאך האט ער געעפנט א טיר און געהייסן איר אריינגיין. זי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל — אין שטוב איז געווען האלב טונקל, עס האט בלויז געברענט א רויט לעמפל — אין דערזעלבער סעקונדע האט זי דערפילט די גאנצע שרעק פון דער קומענדיגער אינקוויזיציע... זי האט זיך צוריקגעצאפעט — ווי א לעבעדיג באשעפעניש, וואס וויל נישט אריינשטעלן דעם פוס אין פייער... דאס האט נישט געדויערט קיין סעקונדע, ווייל וואיטשעכאווסקי האט איר געגעבן א שטויס פון הינטן און זי איז אריינגעפאלן אין שטוב. עמיצער האט אויף איר ארויפגעווארפן א גרויסע, שווערע קאץ. זי האט זיך מאמענטאן געווערט מיט אלע כוחות און זי האט געשריגן. ס'האט נישט געהאלפן. אין א רגע איז זי געווען ארומגערינגלט מיטן קאץ אזוי שטארק, אז זי האט שוין אליין נישט געהערט איר אייגן קול. די קאץ האט איר געפענטעט די פיס, די הענט, באזונדערס שטארק איז געווען ארומגעוויקלט דער קאפ און די האלז. באלד האט מען זי אויפגעהויבן און ארויפגעלייגט אויף א באנק מיטן פנים ארויף. עטקע האט געפילט, אז מען פאסעוועט זי צו צו דער באנק. עס איז איר שרעקלעך היים געווארן ארום קאפ, עס האט איר אויסגעפעלט לופט, דער אטעם האט אלץ שנעלער געארבעט. זי האט געפילט, אז פון די פיס ביז אין העלפט קערפער האט מען אויפגעהויבן די קאץ, און מען פון איר אראפגעריסן די אונטערשטע קליידער. דערנאך האבן זיי עטלעכע מינוט גארנישט געטאן — טיילמאל האט זי געפילט פינגער ארומקריכן ארום איר לייב און ארום איר געשלעכט. אין אירע אויערן האט עס טויב געזשומעט. עס איז איר אלץ הייסער געווארן, דער אטעם איז איר אויסגעגאנגען. דערנאך האבן זיי פלוצלונג אנגעהויבן ארומצורייסן אין איר געשלעכט מיט א גראבער הארטער פאלקע. אלץ שטארקער און אלץ ווילדער רייסן זיי. דער ווייטאג איז א שרעקלעכער. די היץ אין קאפ שטייגט — דאס האט קוים געדויערט עטלעכע מינוט — און זי האט גע'חלש'ט.

ווען זי איז געקומען צו זיך, איז זי שוין געזעסן אויף דער באנק. צום ערשטן מאל קוקט זי זיך אום אין שטוב: ארום איר שטייען עטלעכע אגענטן מיט מאסקעס איבער האלבע פנים'ער און גרילצן מיט זייערע בלוטיגע שפאסען. וואיטשעכאווסקי אליין איז די גאנצע צייט אן א מאסקע. זיינע קליינע זינלעכע אויגן בליסטשען ארויס פון אויסגעלופטן פנים מיט גרויזאמער ווילדקייט. זיין ברייט פרעסעריש מויל שטשירעט אויף איר מיט גרויסע פערדישע ציין.

— ווי „פיין" מענטשן קענען אמאל אויסזען און ווי ווילד זיי קענען זיין... — טראכט עטקע, און איר ווערט קאלט אין אלע גלידער. וואס ווילן זיי פון איר?... זי דערזעט ערשט, אז זי זיצט ביז אין דער העלפט א נאקעטע. זי פארשעמט זיך און לאזט אראפ די הענט די אגענטן לאזן דערביי ארויס א געלעכטער ווי ווילדע פערד...

מען לאָזט זי אַביסל אָפּרוען. אין עטלעכע מינוט אַרום זאָגט צו איר וואַיטשעכאָווסקי:

— דו, עטקע, דאָס איז געווען פאַר דיר אַזאַ ערשטע באַגריסונג. אָבער דער צירקוס קען ביי אונז ווערן אַזאַ אינטערעסאַנטער, אַז דיר זאָל זיך אויסדאַכטן, דו פליסט אַרום אין הימל. נאָר מען קען דיך באַלד אַרויסלאָזן אויך. — דערביי הויבט ער אויף אירס אַ קלייד פון דער ערד און דעקט איר צו די קני... — ווי דו זעסט, עטקע, זיינען מיר אייגנטלעך מענטשן. אָבער ווען מען טשעפּעט די מאַכט, איז מיט אונז נישט גוט זיך אָנצוהויבן. דו גיב בעסער צו, וואָס מען באַשולדיגט דיך, און ווער אונזער מענטש. דעמאָלט וועט דיר גאָרנישט געשען, און דו וועסט נאָך פאַרדינען געלט. איך ווייס דאָך, קאָמוניסטן זיינען די, וואָס האָבן נישט קיין געלט. און אַז דו וועסט ביי אונז פאַרדינען, וועסטו נישט דאַרפן זיין קיין קאָמוניסטקע. נו, וואָס זאָגסטו, עטקע?

עטקע האָט געענטפערט, אַז דאָס אַלץ וואָס מען האָט איר אויסגערעכנט

וואַיטשעכאָווסקי האָט אויסגערעכנט: זי איז אַ מיטגליד פון קרייז-קאָמיטעט, פון שטאָט-קאָמיטעט פון דער יוגנט, זי איז אַ דיסטריקט-סעקרע-טאַרקע — און ער האָט איר נאָך אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי אַרבעט, וועלכע זי האָט אויסגעפירט. זי זאָל אויך דערציילן פון אַלע מענטשן, וועלכע זי קען.

עטקע האָט געענטפערט, אַז דאָס אַלץ וואָס מען האָט איר עויסגערעכנט איז נישט וואָר. זי ווייסט פון גאָרנישט.

אויף דעם האָט איר וואַיטשעכאָווסקי דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער האַנט אין דער ברוסט. זי איז צוריקגעפאַלן אויף דער באַנק. די אַנדערע אַגענטן האָבן זיך צו איר אַ וואָרף געטאָן. זי איז שוין ווידער געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ. וואַיטשעכאָווסקי האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף איר קאָפּ, אויף דעם רעשטלעכן קערפּער האָט מען אַרויפגעוואָרפן נאַסע שמאַטעס — אַ פיר אָדער פינף גומינע פּאַלקעס האָבן צוגלייך אָנגעהויבן קלאַפּן. וואַיטשעכאָוו-סקי האָט קאָמאַנדירט:

— איינס, צוויי, דריי, פיר... איינס, צוויי, דריי פיר... איינס, צוויי, דריי, פיר...

דערנאָך האָבן צוויי געשלאָגן איבער די פּיאַטעס. וואַיטשעכאָווסקי איז געזעסן אויף איר קאָפּ. ער האָט ניט אויפגעהערט צו קאָמאַנדירן און מיט די הענט האָט ער געשלאָגן איבער דער פּלייצע צום טאַקט. דאָס שלאָגן איבער די פּיאַטעס האָט איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. זי האָט ווידער גע׳חלש׳ט. מען האָט זי געמינטערט און מען האָט זי ווידער געשלאָגן. פון דאָס ניי האָט זי גע׳חלש׳ט, פון דאָס ניי האָט מען זי געמינטערט און געשלאָגן...

וואַיטשעכאָווסקי האָט זי געפרעגט. צי זי וועט צוגעבן, וואָס מען וואַרפט איר פאָר, און צי זי וועט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל? עטקע האָט גע-ענטפערט, אַז זי קען נישט פּראָוואָצירן קיין מענטשן, וועלכע זי האָט אין איר לעבן נישט געזען אפילו. וואַיטשעכאָווסקי האָט איר אַראָפּגעלאָזט צוויי פּעטש, און ער האָט ווידער קאָמאַנדירט: „נאַ שפּיץ!”

זי שטעלט זיך אויף די פיס. די פּיאַטעס זיינען אָבער געשוואָלן. זיי בראָטן שרעקלעך. זי קען קוים אויפטרעטן. וואַיטשעכאָווסקי הילט זי איין

אין איר מאַנטל. אויף דער פּריטש, זעט זי, בלייבט אַ קאַלוזשע מיט בלוט. וואָיטשעכאָווסקי פירט זי אַרויס ביי דער האַנט. אויפן קאָרידאָר זאָגט ער איר נאָך אָן, אַז „ווען זי דערציילט דעם ריכטער איין וואָרט וועגן שלאָגן, וועט מען זי איינגאַנצן דער׳הרג׳ענען״.

עטלעכע מאַסקעס האָבן זיך אויף איר געוואָרפן. זיי האָבן פון איר אַראָפּגעריסן די רעשטלעכע קליידער. זי האָט מען אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, די פיס האָט מען אויפגעהויבן און צעשפּרייט. צו צוויי מאַסקעס האָבן געהאַלטן ביי איין פוס — וואָיטשעכאָווסקי האָט מיט אַ לאַנג־שפּיציגן אייזן איר אַריינגעשטאָכן אין געשלעכט... ווען זי האָט זיך פון אָנהויב געוואָרפן פאַר שמערץ — איז דאָס שפּיציגע אייזן אין איר אַריין נאָך טיפער... און ווייל זי האָט געמאַכט גוואַלדן, האָט מען איר אַריינגעשטופּט אַ שמאַטע אין מויל. איינער פון די אַגענטן האָט אַראָפּגעלויכטן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל — און וואָיטשעכאָווסקי האָט געשטאָכן מיט שפּיץ אויף באַזונדערע שטעלן און פאַמעלעך... די אַגענטן האָבן דערביי געמאַכט געמיינע אכזריות׳דיגע וויצן. עס האָט געקלונגען איבער דער שטוב זייער פערדיש לאַכן... דער ווייטאָג איז געווען נישט צום איבערטראָגן.

אויף אַ מינוט האָט זי וואָיטשעכאָווסקי אויפגעהערט צו שטעכן. ער האָט זי געפרעגט, צי זי וועט זאָגן וואָס מען הייסט איר? איר קערפּער האָט זיך געוואָרפן און געציטערט פאַר שמערץ. זי האָט געביסן אין דער שמאַטע, וואָס איז איר געלעגן אין מויל, זי האָט צוגעהאַלטן די אויגן, און זי האָט נישט געענטפערט.

וואָיטשעכאָווסקי האָט פונסנייַ אָנגעהויבן צו שטעכן מיטן שפּיציגן אייזן. צוויי אַגענטן האָבן מיט פאַלקעס צעצויגן דאָס געשלעכט — און דאָס אייזן איז אַריין טיפער... עטקע האָט געפילט, ווי דאָס פלייש ווערט איר צעריסן. דאָס האַרץ האָט איר איינגעקאָרטשעט, און זי האָט גע׳חלש׳ט.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי געלעגן אויף אַ פּריטש אין אַן אַנדער קאַמער. לעבן איר איז געשטאַנען אַן אַגענטקע און געגאָסן אויף איר וואַסער. דערנאָך איז די אַגענטקע אַרויסגעגאַנגען.

אין דער קאַמער האָט געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל הויך אויפן סופיט. אַ קליין פאַרגראַטעוועט פענצטערל איז אויך געווען גאָר הויך. און אַ חוץ דער נאַקעטער פּריטש איז גאָרנישט מער געווען אין דער קאַמער.

דער ווייטאָג האָט נישט אָפּגעלאָזט. עס האָט זי געריסן אַרום געשלעכט, ווי מען וואָלט זי געצוויגט מיט הונדערט צוויג־צווענגלעך. דער גאַנצער קערפּער האָט נישט אויפגעהערט צו ציטערן און זיך צו וואַרפן. זי האָט נישט געקענט איינליגן. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי זיך געקאָרטשעט און געוואָרפן אין שמערצנדיגע קראַמפּן. זי האָט געפילט, אַז זי גייט אָפּ מיט בלוט.

אינדערפרי האָט איר אַן אַגענטקע אַריינגעבראַכט אַ טעפּל קאַווע. זי האָט געטרונקען.

עס איז געווען דער 12טער סעפּטעמבער, 1930.

געגן מיטאָג־צייט איז צו איר אַריינגעקומען וואָיטשעכאָווסקי און געפרעגט, ווי עס גייט איר? דערנאָך נעמט ער זי אָן ביי אַ האַנט און זאָגט:

— קום צום ריכטער. אָבער דו מוזסט ביי אים אונטערשרייבן, דו הערסט? טאָמער שרייבסטו ניט אונטער, וועסטו היינט ביינאַכט האָבן נאָך אַ בעסער

צירקוס ווי נעבכטן...

זי קומט אריין צום ריכטער, א יונגער ברונעט מיט א פארביסן פנים. ער שטעלט זיך איר פאר (זי האט פארגעסן זיין נאמען), און ער הייסט איר זיצן.

— וואס פעלט איר? — פרעגט ער וואיטשעכאווסקין.

וואיטשעכאווסקי זאגט אים:

— עס איז איר גארנישט. זי איז נאר אזוי שטארק דערשראקן, ווייל אויף איר ווארט א גרויסע שטראף...

— נו, דאס וועלן מיר נאך זען, — זאגט דער ריכטער און זיין פארביסן פנים שמייכלט ליבלעך ווי מיט א מעסער... ער באטראכט גענויער עטקע'ן און דערנאך רופט ער זיך ווידער אן:

— ווען זי זאל זיך באלד באקענען צו אירע פארגאנגענע פעלערן, וועט די שטראף זיין א סך גרינגער, פאר שטייט זיך. — און ווידער האט ער זי גענוי באטראכט און זי געפרעגט: — איר באקענט זיך?

— צו וואס? — פרעגט עטקע שטיל.

— צו די פעלער, וועלכע איר זיינט באגאנגען געגן דער מאכט, — ענטפערט דער ריכטער. — אט איז דער פראטאקאל.

ער האט פאר איר געלייענט דעם פראטאקאל. דערנאך רוקט ער איר צו דעם פראטאקאל צום אונטערשרייבן.

— ניין, — זאגט עטקע. — דאס קען איך נישט אונטערשרייבן.

דער ריכטער איז אויפגעשטאנען. וואיטשעכאווסקי וויל עטקען ארויס־פירן — זי רייס זיך ארויס פון אים, לויפט צו צום ריכטער, כאפט אים אן ביי א האנט. זי ציטערט און וויינט:

— ער זאל זי ראטעווען... מען זאל זי אוועקפירן פון דאנען... זי וועט נישט אויסהאלטן...

— ניין, דאס קען ער נישט טאן. זי מוז בלייבן נאך צוויי טעג...

וואיטשעכאווסקי רייסט זי אפ פון ריכטער און פירט זי ארויס. איבערן קארידאר שווייגט ער. אין דער קאמער גיט ער איר צוויי פלאמענדיגע פעטש, און גיט מיט איר א ווילדן שלאג צו דער וואנט. זי צעקלאפט זיך דעם קאפ, פאלט אנידער אויף דער ערד, בלייבט ליגן. וואיטשעכאווסקי גיט א צארנדיגן קלאפ מיט דער טיר הינטער זיך.

עטקע איז געבליבן ליגן אויף דער ערד א גאנצן טאג. עסן האט מען איר נישט אריינגעבראכט. די שרעקלעכע ווייטאגן האבן נישט אויפגעהערט, האבן זי נישט געלאזט איינליגן. זי האט זיך די גאנצע צייט געקארטשעט און געווארפן. דאס העמד און דער מאנטל און די פאדלאגע — אלץ איז דורכ־געווייקט געווארן מיט בלוט. אין קאפ איז איר ארומגעשוואומען א שווערער טומאן. פון דער ערשטער מינוט אן — זינט מען האט אויף איר ארויפגע־ווארפן די קאץ, און דערנאך, ווען וואיטשעכאווסקי האט זיך ארויפגעזעצט אויף איר קאפ — באלד פון יענער מינוט האבן אירע געדאנקען אנגעהויבן צו שווימען, האט זי נישט געקענט מער קלאר באטראכטן קיין איינציגע זאך. עס האט איר נישט געהאלפן גאר קיין אנשטרענגונג — און זי האט אויך נישט געהאט קיין כוח דערצו. דער קערפער האט זיך געווארפן אין יסורים. דאס געהירן האט זיך געפלאנטערט אין א טומאן.

ביינאַכט זיינען אַריינגעקומען צוויי מענטשן אין קאַמער, און זיי האָבן זי אַרויסגעשלעפּט ביי די האָר. זי האָט געוואָלט אויפשטיין, האָבן זיי נישט געלאָזט. אַזוי ווי זי איז געלעגן, האָבן זיי זי אָנגענומען ביי די הענט, און זי אַזוי געשלעפּט איבער אַלע טרעפּ, דורך אַלע קאָרידאָרן — אין דערזעלבער שטוב אַריין, וואו מען האָט זי נעכטן געפּייניגט.

אין דער שטוב הייסט מען איר אויפשטיין. מען מוז זי אויפשטעלן. זי קען זיך נישט רירן. ווען זי שטייט, קען זי זיך נישט דערהאַלטן, זי וואַקלט זיך, פאַלט צוריק אויף דער ערד. מען הויבט זי ווידער אויף און מען האַלט זי צו. אין שטוב זיינען דאָ דיזעלבע אַגענטן וואָס נעכטן, דיזעלבע מאַסקעס, און וואַיטשעכאָווסקי. ער פרעגט זי, צי זי האָט זיך איבערגעלייגט. זי ענטפערט נישט.

— אויף דער באַנק! — באַפעלט וואַיטשעכאָווסקי.

די אַגענטן וואַרפן זיך איבער איר ווי ווילדע חיות. מען וואַרפט זי אויף דער באַנק. מען הויבט אויף דעם מאַנטל און די קליידער. אויפן קאָפּ זעצט זיך אַרויף וואַיטשעכאָווסקי. איבערן נאַקעטן קערפּער וואַרפט מען נאַסע שמאַטעס — און עס הויבט זיך אָן דאָס שלאָגן. וואַיטשעכאָווסקי קאָמאַנדירט:

— איינס, צוויי, דריי, פיר... איינס, צוויי, דריי, פיר... איינס, צוויי, דריי, פיר...

עס שלאָגן כסדר פיר אָדער פינף פאַלקעס. דערנאָך שלאָגן צוויי איבער די פּיאַטעס. דאָס איז נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן. און די פיס זיינען שוין אָנגעשוואָלן פון נעכטן... זי האָט באַלד גע'חלש'ט. אין יענער נאַכט האָט זי אפשר אַכט אָדער צען מאָל גע'חלש'ט. אָבער מען האָט זי נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט... וואַיטשעכאָווסקי פרעגט זי, צי זי וועט רעדן?

— יאָ, — זאָגט עטקע. — איך גיב צו, אַז איך בין אַ קאָמוניסטקע.

— און וואָס נאָך?

—מער ווייס איך גאָרנישט.

—נאָ שפּיץ! — גיט וואַיטשעכאָווסקי אַ געשריי. און שוין רייסט מען פון איר אַראָפּ די קליידער. נאָר דאָס מאָל לאָזט מען זי שטיין. אין עטקע'ס קאָפּ שווימט אַרום אַ שווערער טומאַן. דאָס האַרץ צעפּאַלט איר אין טויזנט טיילן...

— לויף! — שרייט וואַיטשעכאָווסקי.

עטקע שטייט קוים, אָבער זי רירט זיך נישט פון אָרט.

פון אַ ווינקל נעמט ער ווידער דאָס אייזן מיטן שפּיץ — און שטעכט זי ווידער אין געשלעכט... זי האַלט נישט אויס, קאָרטשעט זיך — זי שטרענגט זיך אָבער אָן, אַז זי זאָל נישט אומפאַלן, ווייל זי ווייסט, אַז דערנאָך וועט ערגער זיין. ער הערט נישט אויף צו שטעכן. זי דרייט זיך אויס צו אים מיטן רוקן.

— איצט לויף אָבער! — שרייט ווידער וואַיטשעכאָווסקי. און זי לויפט... איינמאָל איבער דער שטוב — די אַגענטן גרילצן מיט זייער געלעכטער... — ניין! נישט אַזוי! — זאָגט וואַיטשעכאָווסקי. — דאָס איז נישט גוט. ווי אין אַ צירקוס מוסטו לויפן. אַרום און אַרום דעם טיש. — און ער גייט צו צו איר נענטער און שטעכט מיטן שפּיציגן אייזן... זי לויפט... די

אַגענטן שטעלן זיך אוים אַרום די ווענט, זיי ברילן פּאַר געלעכטער — און זי לויפט... — שנעלער! שנעלער! — שרייט וואָיטשעכאָווסקי. — שפּרינג אונטער אַביסל... — זי לויפט נאָך עטלעכע שריט און פאַלט אום באַוואוסטלאָז.

זי כאַפּט זיך אויף אין אַ וואַנע מיט קאַלטן וואַסער. לעבן איר זיצט אַ פרוי אין אַ מאַסקע און האַלט זי צו. עטקע קוקט זיך אום, זי דערקענט, אַז עס טאָגט שוין... זי ווייסט נישט: איז זי אַזוי לאַנג געלעגן באַוואוסטלאָז — אָדער האָט אַזוי לאַנג געדויערט דאָס שלאָגן? זי עפנט אַלץ מער די אויגן. דאָס וואַסער איז פאַסקודנע שמוציג... עס שטינקט...

נו, איז דיר שוין בעסער? — פרעגט די אַגענטקע אין דער מאַסקע און שטעלט זי אויף, טוט זי אָן.

עס קומט אַריין אַ צווייטע אַגענטקע, אויך אין אַ מאַסקע, און בײדע פירן אַראָפּ עטקע'ן אין דער ליידיגער קאַמער, וואו זי איז שוין נעכטן בייטאָג געוועזן. דאָרט בלייבט זי ליגן אויף דער האַרטער פריטש דריי טעג.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט — דער טומאַן אין קאָפּ ווערט שווערער, זי קען זיך נישט רירן, זי איז מער טויט ווי לעבעדיג... דאָס עסן, וואָס מען טראָגט איר צו, נעמט זי נישט צו זיך. די גאַנצע צייט האָט זי כסדר באַוואוסטלאָזע מאָמענטן, אין וועלכע זי פאַרפאַלט לייכט און כאַפּט זיך ווידער באַלד אויף. נאָך אַזאַ צושטאַנד פון באַוואוסטלאָזיגקייט ווערט איר אַביסל לייכטער, זי פילט זיך דערנאָך בעסער, זי פּרוווט אָנכאַפּן אַ געדאַנק אויף קלאָר אויסצודענקען — אָבער דאָס געלינגט איר נישט קיין איינציג מאָל. זי געפינט זיך אין אַ זעלטענעם צושטאַנד: זי ווייסט, אַז זי איז ביי דער דעפענזיווע, אַז מען פּייניגט זי דאָ, ווייל מען וויל פון איר אַרויספּרעסן נעמען פון אַנדערע מענטשן — און זי ווייס, אַז דאָס וועט זי נישט טאָן. זי וועט קיינעם נישט פאַרראַטן. דאָס איז אָבער שוין אַלץ. ווייטער גייט נישט איר טראַכטן. וואָס טוט זיך „אינדרויסן"? האָט מען נאָך אַנדערע חברים אַרעסטירט? וואָס וועט זי זאָגן, אויב מען וועט זי קאָנפראָנטירן? וואָס טוט זיך אַרום איר? גענויער, פּינקטלעכער איבער דאָס אַלץ קען זי נישט טראַכטן. זי כאַפּט אָן דעם געדאַנק — דער טומאַן רייסט אים און אַרום איר ווערט הויל... דערנאָך קומט ווידער — אויטאָמאַטיש — דער באַוואוסטלאָזער צושטאַנד...

אַזוי איז זי אָפּגעלעגן דריי טעג און די גאַנצע דריי נעכט. אויפן דריטן טאָג, ביינאַכט פון 15טן סעפּטעמבער, נעמט מען זי ווידער... עס קומען אַריין אין קאַמער צוויי אַגענטן, שטעלן זי אויף, און פירן זי אַרויף אין יענער שטוב, וואו עס ברענט טונקל דאָס קליינע רויטע לעמפּל. וואָיטשעכאָווסקי איז דאָ, ער הייסט זי זעצן. מען זעצט זי אויף אַ בענקל. וואָיטשעכאָווסקי זעצט זיך אַנטקעגן איר. ער קוקט איר אין פּנים אַריין און גלעט איר די האָר... דערנאָך פאַררויכערט ער אַ ציגאַרעטל, ער פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג און הויבט אָן אַזוי:

— קינד, קינד... צי איז דען נישט אַ שאָד דיינע יונגע יאָרן? דו וואָלסט דאָך נאָך באַדאַרפט זויגן ביי דער מאַמע'ס ברוסט און נישט דיך אַרומשלעפּן אין אַזאַ געזעלשאַפט פון לויטער פאַרברעכער. ווייל איינער ווי דער אַנדערער פון די עלטערע קאָמוניסטן, זאָג איך דיר, זיינען שווערע פאַרברעכער. די

גאַנצע „קאָפּעזעטאָו" (קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון מערב־אוקראַינע) איז נישט מער ווי איין גרויסע געמיינע פאַרברעכער־באַנדע. און פאַרוואָס אַזוי? וואָס טוען זיי? דאָס ווייסטו נישט, קינד. זיי טוען טאַקע גאָרנישט. זיי שיכור'ן און פוילענצן. געלט באַקומען זיי דאָך פון „באָלשעוויען" גאַנצע וואַגאָנען, פאַרהוליען זיי דאָס גאַנצע געלט און זיי לעבן שוין איינמאָל אַ טאָג... אָבער איך, קינדער סאַמע, יוגנטלעכע צוציקעס, וואָס פאַרשטייען נישט פון דאַנען ביז אַהין, איך שיקן זיי אין סאַמע ברען פון פייער, איר זאָלט אייך אָפּברענען דערביי די פינגער... מיט אייך יוגנטלעכע, ווילן זיי מאַכן די כלומר'שטע רעוואָלוציע, אין וועלכער זיי גלויבן נישט, נאָר וואָס שאַדט זיי, אַז איר ווערט דער'הרג'עט? זיי לאַכן פון אייך אין די פויסטן, אַזוי טוען זיי, די האָליערסקע לומפּן — — —

ער האָט געזידלט אויף וויפיל ס'האָט זיך געלאָזט, אפשר אַ צען מינוט נאָכאַנאַנד, און אַלץ ווידער איז ער אַרויסגעקומען דאַרויף, אַז די יוגנטלעכע זיינען קרבנות... איר, עמקע'ן, האָט ער צוגעזאָגט „דעם הימל אויף דער ערד", און אַז מען וועט זי אויסקורירן, עס וועט איר גאָרנישט געשען — נאָר זי זאָל זיין קלוג, און זי זאָל אָנגעבן אַלע נעמען פון די „אַלטע", „שיכורים", „לומפּן" און אַזוי ווייטער...

עמקע געדענקט נישט אַלץ גענוי, וואָס וואָיטשעכאָווסקי האָט דעמאָלט אַלץ אין איר אַריינגערעדט. נאָר ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט דאָס נישט טאָן, וואָס ער פאָדערט פון איר, — האָט ער איר גלייך דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער פויסט צווישן די אויגן, אַז זי איז אַראָפּגעפאַלן פון בענקל. אויפן אָרט האָט זי פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין...

ווען מען האָט זי דערמינטערט, איז זי שוין ווידער געזעסן אויפן בענקל. נאָכאַמאָל פרעגט זי וואָיטשעכאָווסקי, צי זי האָט זיך אפשר „איבער־צווישן" פאָרט איבערגעלייגט? זי ענטפערט נישט.

פּלוצלונג כאַפּט איינער פון הינטן אירע הענט, דרייט איר די הענט אַרונטער, און מען בינדט זי אַרום מיט רימענס צום בענקל. וואָיטשעכאָוו־סקי האַלט איר אונטער דער נאָז אַ פלאַקע, און פרעגט ווידער, צי זי וועט רעדן? עמקע ענטפערט נישט. ער גיט איר אַ זעץ מיט דער פלאַקע אין קאַרק אַריין און שרייט:

— דו, באַדאַסטע... און... וואַרט נאָר, מיר וועלן שוין געפינען אַ מיטל צו מאַכן דיך רעדעוודיג...

אויפן טיש שטעלט מען אַוועק אַ קליין בלעכן שעפל. אינעווייניג איז אַריינגעבויט עפּעס אַ גאַנצע מאַשינעריע מיט עטלעכע רערלעך. צוויי קליינע אויסגעבויגענע רערלעך שטייען אַוועק — זיי זיינען אָנגעשטעלט גלייך אין איר פּנים אַריין. וואָיטשעכאָווסקי טייטש איר וואָס דאָס איז: פון פערד...

עס געדויערט נישט קיין רגע, בויגט מען איר אַראָפּ דעם קאָפּ, די צוויי רערלעך שטעלט מען איר אַריין אין דער נאָז. זי ווערט זיך, וואַרפט זיך, און רייסט אַוועק דעם קאָפּ. אַ פלאַקע גיט אַ זעץ אין קאַרק. מען כאַפּט זי אָן ביי די האָר און ביי די אויערן, מען שלעפּט צו איר קאָפּ צו די רערלעך — און די צוויי רערלעך זיינען ווידער אין דער נאָז. פון הינטן דריקט איינער אַריין זיינע פויסטן אין אירע אויערן... זי קען זיך מער נישט רירן.

זי זאָל אָטעמען! — שרייט מען צו איר. זי פאַרשטייט אָבער, אַז ווען

זי וועט אָטעמען וועט שלעכט זיין... און זי האַלט איין דעם אָטעם. ווידער פליט א פאַלקע אין קאַרק אַריין — דאָס איז אַ גוט מיטל — זי מוז כאַפּן דעם אָטעם. אין דער אייגענער סעקונדע גיסט זיך איר אַריין אין האַלז א שרעקלעכע ביטערע און געזאַלצענע פליסיגקייט... א שלונג נאָך א שלונג — די פאַרשטונקענע איינגעבראָקטע „יויך" צערייסט איר האַלז און רייסט איר אַרויס די געדערים... זי פּרואווט ווידער צוריקצוהאַלטן דעם אָטעם — ווידער גיט מען איר אַ זעץ אין קאַרק, און זי מוז אָטעמען... מער האָט זי שווין ניט קיין כוח איינצוהאַלטן דעם אָטעם, אָן אויפהער זוייגט זי שווין אַריין אין זיך דאָס שרעקלעכע שטינקעכץ. זי ווערט באַלד פול אָנגעפּאָמפּעט, דער בויך בלאָזט זיך איר אויף — עס גייט איר שווין צוריק אַרויס דורכן מויל — אָן אַגענט שטופּט איר אין מויל אַריין אַ שמאַטע... זי זוייגט נאָך אַלץ. דער בויך בלאָזט זיך. דאָס שווידערלעכע געפיל איז נישט איבערצוגעבן... פּלוצלונג האָט זי זיך אַ ריס געגעבן מיט ווילדע כוחות — דאָס לינקע רערל האָט איר אויפגעריסן די נאָז — און זי האָט גע'חלש'ט.

מען האָט זי געמינטערט, אָבער אָפּגעבונדן פון בענקל האָט מען זי נישט. ווען זי עפנט די אויגן, פרעגט איר וואָיטשעכאָווסקי ווי עס האָט איר געשמעקט?...

— וועסט באַלד באַקומען נאָך אַ פּאַרציע — זאָגט ער, — נאָר דערווייל וועלן מיר אַ פּרואוו טאָן עפּעס אַנדערש... פאַרלאָז זיך, קינדעלע... דו וועסט ביי אונז שווין קלוג ווערן...

זי איז פולקאָם ביים באַוואוסטזיין, נאָר דער בויך איז פול, און דער אינעווייניגדיגער עקל רייצט זי כסדר צום ברעכן. דערווייל אַרבעטן די הענ־קער... אירע הענט זיינען פון הינטן צוגעבונדן צום בענקל — ברעכט מען דאַרט פון אירע פינגער אויף צוריק... איין פינגער נאָכן אַנדערן, פּאַוואָליע און לאַנג. אינצווישן ברעכט זי אויס צוויי מאָל. די אַגענטן זידלען זי און לאָכן זי אויס... דערנאָך לייגט מען אַריין שרייפּענדלעך צווישן די פינגער — און מען דריגט זיי צונויף. ביי איין האַנט און ביי דער צווייטער... זי וואַרפט זיך דערביי אַזוי שטאַרק, אַז זי פאַלט אום אינאיינעם מיטן בענקל. מען הויבט זי אויף, און מיט אַ גומענער פּאַלקע קריגט זי איבערן מויל. זי שפּירט, אַז צוויי פאָרנטדיגע ציין וואַקלען זיך. מען דריקט איר דעם קאָפּ אין קאַרק אַריין איינמאָל, נאָכאמאָל, און יעדעס מאָל שטאַרקער, פעסטער... ביז איצט האָט זי מיינסט נישט געשריען, נאָר געציקט און שטיל געהעשעט — מער מיטן האַרצן ווי מיטן קול. ערשט איצט שרייט זי אויך. דערפאַר באַקומט זי אַ צווייטן זעץ איבערן מויל מיט דער פּאַלקע, און זי שפּייט אויס דריי ציין. בלוט האָט איר פריער שווין גערונען פון דער אויפגעריסענער נאָז אָן אויפ־הער — איצט האָט דאָס בלוט אויך גערונען פון מויל. דערווייל אַרבעטן די הענקער ווייטער... מיט שפּילקעס שטעכט מען זי אונטער די נעגל פון די פינגער ביי די הענט און ביי די פיס צוגלייך... ביז זי חלש'ט.

אין קאַמער כאַפּט זי זיך אויף. זי איז אינגאַנצן באַגאָסן מיט וואַסער, אָבער זי חלש'ט באַלד ווידער. עטלעכע מאָל האָט זי נאָכאַנאַנד גע'חלש'ט, און נאָכאַנאַנד האָט מען זי געמינטערט. דאָס האָט געדויערט א זייער לאַנגע צייט. ווען זי איז צולעצט צו זיך געקומען, איז שווין געווען גוט טאָג אינ־

דרויסן. עטקע זעט: ארום איר שטייען אַ סך שפּיצלען. איינציגווייז גייען זיי ארויס.

אין קאַמער איז פאַרבליבן אַ פּאַליציאַנט. צום ערשטן מאָל זעט זי ביי זיך אין קאַמער אַ פּאַליציאַנט. ווען זי קוקט אים לענגער אָן, זאָגט ער איר — גלייך ער זאָל זיך וועלן אַנטשולדיגן — אַז זי איז געלעגן צוויי טעג אָן באַוואוסטזיין.

און זי האָט געמיינט, אַז דאָס האָט נישט מער געדויערט ווי צוויי שעה...

דער פּאַליציאַנט בלייבט ביי איר אַ שטיקל צייט, דערנאָך גייט ער אויך ארויס. זי בלייבט אַליין. צוויי טעג, געדענקט זי, צוויי טעג איז זי געלעגן אָן באַוואוסזייט. אַזוי האָט געזאָגט דער פּאַליציאַנט. איר איז קאַלט. די פּריטש איז האַרט. עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך צוצודעקן. די קאַמער איז פייכט, זעט זי, און אַז דאָס הויכע, קליינע פענצטערל איז אָן שויבן. זי פילט, אַז זי ליגט אין אַ קאַלוזשע בלוט... אַלע קליידער ביז ארויף זיינען פאַר־בלוטיגט נאָס. זי פּרוּווט זיך אויפזעצן, אָבער זי קען זיך נישט רירן. אַלץ ארום איר איז הויל וואונד. דער טומאַן אין קאָפּ איז ווי אַ שווערע שטיק בליי...

וואַיטשעכאָווסקי קומט אַריין און זאָגט איר, אַז היינט ביינאַכט וועט מען זי ווידער נעמען... און זאָגט, אַז היינט וועט זיין נאָך פרייליכער...

מען ברענגט איר אַריין עסן, אָבער זי האָט נישט קיין געפיל, אַז זי איז צומאָל הונגעריג. דאָס עסן רירט זי אפילו נישט אָן.

דערפאַר אָבער וואַרפט מען אַריין צו איר דורך די אָפענע גראַטעס שאָלן פון עפּל, שאָלן פון פּאָמעראַנצן — און שמאַטעס...

זי האָט נישט געוואוסט פונוואַנען דאָס קומט. נאָר זי האָט געהערט שיכור'ע אויסגעלאַסענע קולות — און זי האָט דערקענט אָן די קולות, אַז דאָס זיינען „באַקאַנטע" שפּיצלען. שפּעטער איז זי געוואויר געוואָרן, אַז אַנטקעגן יענער קאַמער געפינט זיך דאָס קאַסינאָ פאַר די שפּיצלען...

ביינאַכט, עס איז שוין געווען דער 18טער סעפּטעמבער, האָט מען זי ווידער גענומען צום פאַרהער... שוין אויפן וועג האָט זי אָנגעהויבן שטאַרק צו ציטערן, עס האָט מיט איר אַלץ שטאַרקער געוואָרפן. און שוין אויפן וועג האָט זי באַקומען אַ שרעקלעכן וויי־קראַמף. דאָס אַלץ האָט זי ביז דעמאָלט נאָך קיין איינציג מאָל נישט געפילט, און קוים, ווי זי איז אַריינגע־קומען אין דער „באַרימטער" שטוב — און האָט דערזען די אַגענטן מיט די שרעקלעכע מאַסקעס, און דאָס רויטע לעמפּל האָט איר אַ שיין געטאָן אין די אויגן — איז זי אומגעפאַלן אויף דער ערד, זי האָט באַקומען אַ היסטערישן אַטאַק... די הענט און די פיס האָבן זיך צונויפגעקראַמפט, איינגע־צויגן זיך און צונויפגעדרייט געוואָרן. דער גאַנצער קערפּער האָט זיך צונויפ־געראָלט און איינגעקאָרטשעט. דערביי איז זי געווען די גאַנצע צייט ביים באַוואוסטזיין. זי האָט געהערט וואָס מען רעדט, און זי האָט אַלץ פאַרשטאַ־נען. נאָר דער ווייטאָג איז געווען אַזאַ, וואָס מען קען אים אויף קיין פאַל נישט איבערגעבן מיט ווערטער. ס'איז אייגנטלעך געווען צונויפגעקראַמפט אין איר יעדער אבר באַזונדער. יעדער מוסקול איז געווען געשפּאַנט און אויסגע־צויגן — נאָר אַלע רגע אויפצופלאַצן און צעריסן צו ווערן אויף קליינע

שטיקלעך. זי איז געלעגן אויפֿן רוקן, די פֿיס איינגעצויגן ביז צום קאָפּ, די הענט אויסגעדרייט און אויסגעוועבנעט צום בויך...

די אַגענטן האָבן זיך צוערשט דערשראָקן. דערנאָך האָבן זיי געפּרוּווט איר אויסצוגלייכן די הענט און די פֿיס... נאָר זיי האָבן דאָס נישט געקענט טאָן. בלויז אירע שמערצן זיינען שרעקלעך פֿאַרמערט געוואָרן.

אַזוי איז זי געלעגן אויף דער ערד זייער לאַנג. דערנאָך האָט מען זי אַראָפּגעטראָגן צוריק אין איר קאַמער. ערשט אין דער קאַמער, און פֿיל שפּעטער, איז איר בעסער געוואָרן. דער קאָרטש האָט צוביסלעך אָפּגעלאָזט, ביז זי האָט זיך געקענט אינגאַנצן ווידער אויסשטרעקן.

אַ חוץ די גרויסע ווייטאָגן פֿון די פֿאַרוואונדעטע שטעלן איבערן גאַנצן קערפּער, איז זי דעמאָלט געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט, צום ערשטן מאָל, נאָך ניין טעג, איז זי אין יענער נאַכט אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

ווען עטקע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אויף צומאָרגנס אינדערפֿרי, האָט זי זיך באַלד דערמאָנט וועגן אַלץ, וואָס מיט איר איז געשען אין דער נאַכט. נאָר מער וועגן דעם אַרומטראַכטן האָט זי נישט געקאָנט, פּונקט ווי פֿריער. דער טומאַן האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. . .

נאָך פֿאַרמיטאָג איז צו איר אַריינגעקומען וואָיטשעכאָווסקי. צוערשט האָט ער זי געפֿרעגט ווי עס גייט איר?... דערנאָך האָט ער זי געפֿרעגט, צי זי וויל שוין אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל?

זי האָט נישט געענטפֿערט אויף דער ערשטער פֿראַגע און אויך נישט אויף דער צווייטער. וואָיטשעכאָווסקי האָט זי געקאָפּעט מיט די פֿיס, ער האָט זי געזידלט און עטלעכע מאָל האָט ער אויף איר אויסגעשפּיגן... ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, דאָרט האָט ער נאָך געזאָגט:

— און היינט ביינאַכט זעען מיר זיך ווידער...

און ער איז אַרויסגעגאַנגען. שפּעטער קומען אַריין נאָך אַנדערע שפּיצלען, שוין אָן מאַסקעס, און אַלע טשעפּען זיך צו איר, זידלען זי, רייצן זיך מיט איר, און אַלע דערציילן, אַז „ביינאַכט וועט זיך אַלץ אָנהויבן פֿונסניי"... עטלעכע אַגענטן קאָפּען זיך אויך און באַשפּייען זי.

דער טומאַן אין עטקע'ס קאָפּ איז געוואַקסן. זי באַקומט עטלעכע מאָל וויין־קראַמפּן אָבער עס הערט באַלד אויף. פֿאַרנאַכט הויבן זיך אָן אַריינצו־כאַפּן אין איר קאָפּ גרויזאַמע וויזיעס. צוערשט געלינגט איר נאָך זיי צו פֿאַרטרייבן. אָבער זיי קומען אַלץ ווידער, און יעדעס מאָל שטאַרקער. איר באַוואוסטזיין ווערט צייטווייז אינגאַנצן פֿאַרנעפּלט — ד גרויזאַמע וויזיעס לויפֿן אַרום אין איר קאָפּ ווי ווילדע חיות און צערייסן זי אויף שטיקער...

ערשט ווען זי שרייט איינמאָל ווילד אויף, און דאָס איין מאָל נאָכן אַנ־דערן מאָל, קומט זי ווידער צו זיך. פֿאַר איר אייגן שרייען אָהט זי זיך אַליין דערשראָקן. די שרעק טומלט אַרום דערנאָך נאָך אַ לאַנגע צייט אין אירע אויערן. אָבער צוליב דעם שרייען זיינען אויך אַריינגעקומען עטלעכע אַגענטן, און דערנאָך אויך וואָיטשעכאָווסקי. זיי פֿרעגן זי וואָס ס'איז געשען? און וואָיטשעכאָווסקי זאָגט:

— אויב דו וועסט איבעראַרבעטן, וועט מען דיך געבן אין „קולפּאַר קאָוו" (לעמבערגער משוגעים־הויז)...

דערנאָך גייט ער צו איר צו און גיט איר נאָך צוויי פּעטש.

ביינאַכט האָט מען עטקע׳ן נישט גענומען. זי איז אויך די נאַכט ווידער געשלאָפן. דעם אַנדערן טאָג, דעם 20טן סעפּטעמבער, זיינען ווידער אַריינגעקומען צו איר אַגענטן, אויך וואַיטשעכאָווסקי, מען האָט זי ווידער געזידלט, ווידער באַשפּיגן, געקאָפּעט און געפּאַטשט. אַלע האָבן זי ווידער געדראָט, אַז „ביינאַכט וועט מען אָנהויבן פונסניי"...

זי האָט ווידער געהאַט גרויזאַמע וויזיעס — און זי האָט ווידער געשריען.

ביינאַכט האָט מען זי גענומען...

אין דער „שטוב" איז געווען וואַיטשעכאָווסקי און נאָך איינער, אַ נייער, אַ נידעריגער און אַ גראָבער. ער שטעלט זיך פאַר איר פאַר אַלס קאָמיסאַר בילעוויטש. ער האָט זי געהייסן זיצן. זי האָט זיך געזעצט. דער קאָמיסאַר בילעוויטש האָט זיך אויך געזעצט אַנטקעגן איר. ער האָט איר פאָרגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל. אינמיטן לייענען פאַלט עטקע אַראָפּ פון בענקל — און זי באַקומט ווידער אַ היסטערישן אַטאַק...

דער קאָמיסאַר איז דערשראָקן אויפגעשפּרונגען. ער האָט געפרעגט וואַיטשעכאָווסקי׳ן וואָס דאָס איז? וואַיטשעכאָווסקי האָט געענטפערט, אַז זי „סימולירט"... דער קאָמיסאַר בילעוויטש האָט געזאָגט:

— אויב עס איז אמת, אַז זי סימולירט, וועט מען זי שלאָגן ביז טויט...

ער האָט געהייסן וואַיטשעכאָווסקי׳ן רופן אַ דאָקטאָר. אַליין האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויפן בענקל און האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר.

עטקע איז געלעגן צונויפגעקרעמפּעוועט נאָך מער ווי ביים ערשטן אַטאַק. זי איז ענלעך געווען צו אַ קיילעכיגן באַל. דער וויי־טאָג איז געווען אַ געפּערלעכער. אָבער זי איז אויך דאָס מאָל געווען ביים פולן באַוואוסטזיין. זי האָט אַלץ געהערט און פאַרשטאַנען וואָס מען האָט גערעדט אין שטוב. אפילו די אויגן האָט זי געהאַלטן אָפן...

צוויי אַגענטן זיינען אַריינגעקומען, דאָס מאָל אָן מאַסקעס, און זיי האָבן זי אַרויפגעלייגט אויף דער באַנק. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ס׳איז אויך געקומען דער דאָקטאָר. מיט אים איז צוריק אַריינגעקומען וואַיטשעכאָווסקי. עס איז געווען צו דערקענען, אַז דער דאָקטאָר איז געווען אינפאָרמירט וועגן דער „סימולירונג". ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו עטקע׳ן, האָט איר געפּרוּווט אויסשטרעקן אַ האַנט — ער האָט די האַנט אָבער באַלד אָפּגעלאָזט. דערנאָך האָט ער געפּרוּווט איר פוּלס, און ער האָט אונטערזוכט איר האַרץ. מיט איר אַליין האָט ער נישט גערעדט קיין וואָרט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, און ער האָט געזאָגט צום קאָמיסאַר אַביסל שטיל:

— ווען מען נעמט זי נישט באַלד אַוועק פון דאַנען, ווערט זי משוגע. דאָס קען קומען שוין אין צוויי־דריי טעג, אַמבעסטן מען גיט זי גלייך אין שפּיטאָל אַריין.

דאָס אַלץ האָט עטקע גענוי געהערט.

דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן אַ מעדיצין, און דעם רעצעפּט האָט ער איבערגעגעבן וואַיטשעכאָווסקי׳ן. ער האָט נאָך געפרעגט דעם קאָמיסאַר, פון וואָס דאָס איז געקומען? דער קאָמיסאַר האָט שנעל געענטפערט:

— עס איז נישט קיין וואונדער. אויף איר וואַרטן אַכט ביז צען יאָר, און דאָס ווירקט אַזוי אויף איר, פאַרשטייט זיך...

דער דאָקטאָר האָט אַביסל געשמייכלט, ער האָט געגעבן דעם קאָמיסאַר און וואָיטעשיכאָווסקי'ן די האַנט און איז אַרויסגעגאַנגען.

עטקע'ן האָט מען אַראָפּגעטראָגן אין איר קאַמער. דער אַטאַק האָט נאָך לענגער אָנגעהאַלטן. עטלעכע מאָל אין דער נאַכט איז אַריינגעקומען אַ פּאָ־ליציאַנט זען וואָס זי טוט. ביינאַכט האָט זי ווידער געהאַט גרויזאַמע וויזיעס. אינדערפרי האָט זי ווידער באַקומען אַן אַטאַק...

געגן 12 אַזייגער בייטאָג, דעם 21טן סעפּטעמבער, פירט מען זי פונסניי צום קאָמיסאַר. ער איז אַ נידעריגער, אַ גראָבער. זי דערקענט אים. דאָס איז דערזעלבער קאָמיסאַר בילעוויטש. ער מאַכט מיט איר נישט קיין פיל גע־שעפטן דאָס מאָל, ער הייסט זי אַפילו נישט זיצן. ער פרעגט זי קורץ:

— דו אַנערקענסט דעם פּראָטאָקאָל?

זי ענטפערט אויך קורץ און שוואַך:

— ניין.

— דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דו וועסט משוגע ווערן.

זי ענטפערט נישט אויף דעם. דער קאָמיסאַר זאָגט ווייטער:

— טראַכט דיר נישט, וואָס דיר געפעלט. אַ גאַנצע וועלן מיר דיך פון דאַנען נישט אַרויסלאָזן. אָדער דו אַנערקענסט דעם פּראָטאָקאָל, אָדער דו וועסט ביי אונז משוגע ווערן. איינס פון די ביידע...

אַזוי האָט גערעדט צו עטקע שטיפטער דער פּוילישער רעגירונגס־קאָמי־סאַר בילעוויטש. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און ער האָט זי געפרעגט, צי זי וויל אפשר אויסזאָגן ווען דער פאָטער וועט זיין דערביי? אויף דעם האָט זי צוגעשטימט. זי האָט כאָטש געוואָלט זען דעם פאָטער...

מען האָט עטקע'ן אַריינגעפירט אין אַ גרויסער, גוט־אויסמעבלירטער סאַליע. דאָרט איז שוין געווען וואָיטשעכאָווסקי. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט איר געזאָגט:

— אַלזאָ, דאָ וועט אַריינקומען דיין טאַטע. אָבער דו טאָרסט אים נישט זען. מען וועט דיך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט, דיין טאַטן וועסטו דערקענען אַן קול, און וואָס מען וועט דיך פרעגן, אויף דעם האָסטו צו ענטפערן.

ווען זי איז שוין געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט, האָט איר וואָיטשע־כאָווסקי נאָך געזאָגט:

— עס וועט דערנאָך זיין ווי צו דיר, אויב דו וועסט דיך רירן פון אָרט!

צוויי פּאָליציאַנטן זיינען לעבן איר געשטאַנען און זי פעסט צוגעהאַלטן.

אַלץ, וואָס דערנאָך איז פאָרגעקומען, האָט געדויערט בלויז עטלעכע סעקונדן.

. . . זי הערט, דער פאָטער קומט אַריין. זי הערט אים אין זיין גאַנג. זי ציטערט דערביי אויף איינמאָל, נאָכאַמאָל — און מיט די לעצטע כוחות רייסט זי זיך אַרויס פון די פּאָליציי־זעלנער. זי לויפט צו צום פאָטער — דער פאָטער רירט זיך נישט פון אָרט, ער ציטערט, אַז עס וואַרפט מיט אים, אָבער ער רעדט נישט אַרויס קיין איינציגן וואָרט. זי שרייט: „טאַטע, דאָס בין איך! מען וויל מיך דאָ הרג'ענען!" אין דערזעלבער סעקונדע פאַלט דער פאָטער אַוועק אויף איין זייט — עטקע פאַלט אַוועק אויף דער אַנדע־רער זייט...

זי האָט באַקומען איר היסטערישע אַטאַקע. ווען מען האָט זי אַרויסגע־

טראָגן, האָט זי געהערט עמיצן זאָגן: „אַ האַרץ־קראַמף". דאָס האָט מען געזאָגט וועגן איר פֿאָטער.

פֿון דער צייט אָן האָבן אירע אַטאַקעס שוין נישט אויפֿגעהערט. אַוועק אַן אַטאַקע — האָבן זי געמוטשעט גרויזאַמע וויזיעס, פֿאַרשוואונדן די וויזיעס — איז איר ווידער באַפֿאַלן אַן אַטאַקע... און אויך איר פֿאַר־שטאַנד האָט זיך אַלץ מער פֿאַרנעפּלט. מענטשן זיינען פֿאַר איר שוין נישט פֿאַרבייגעגאַנגען, נאָר געשוואומען... זי האָט שפּעטער אַפֿילו פֿאַרלוירן דאָס געפֿיל צו די שרעקלעכע שמערצן, וואָס זי האָט געליטן. נאָר אין דער גאָר ערשטער צייט, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן דעם פֿאַרשטאַנד, האָט זי דאָס קלאָר באַגריפֿן — און זי האָט זיך געפּרואווט גענגן דעם צו ווערן. עס איז איר פֿאָרגעקומען, ווי עמיצער רייסט ביי איר אַוועק שטיקערווייז דעם פֿאַרשטאַנד... אַ שטיק נאָך אַ שטיק. און זי האָט זיך אָנגעשטריינגט דאָס נישט צו דערלאָזן... זי האָט געדענקט לאַנג, וואָס דער דאָקטאָר האָט גע־זאָגט. „זי וועט משוגע ווערן" — האָט ער געזאָגט. אויך וואָס דער קאָמיסאַר בילעוויטש האָט צו איר געזאָגט, האָט זי געדענקט: „. . . אָדער דו ווערסט ביי אונז משוגע אויף אייביג". און זי האָט זיך געהאַקט אין קאָפּ אַריין די ווערטער: „איך וויל נישט משוגע ווערן! איך וויל נישט . . ."

ווי איינער, וואָס ווערט דערטרונקען צווישן כוואַליעס, קעמפֿט מיט די לעצ־טע כוחות ביז דער לעצטער סעקונדע, און ביז דער לעצטער סעקונדע גייט ביי אים די האָפֿענונג נישט אויס, אַז ער וועט נאָך געראַטעוועט ווערן — אַזוי האָט עטקע געקעמפֿט אָנגעשטרענגט מיט איר גאַנצן געהירן און אָנ־געשטרענגט האָט זי געהאָפֿט, אַז זי וועט נישט משוגע ווערן... נאָר ביי יענעם, וואָס ווערט דערטרונקען, געדויערט דער קאַמף נישט לאַנג — און ביי איר האָט דער קאַמף לאַנג געדויערט...

ווען אַ מענטש איז פֿאַר איר פֿאַרבייגעשוואומען, האָט זי ווייט אויפֿ־געריסן די אויגן און זי האָט אין זיך אַריינגעשריגן: „ער גייט! דער מענטש גייט — ער שווימט!"

און ווען מען האָט צו איר גערעדט, האָט זי זיך אָנגעשטרענגט צו ענט־פֿערן קלאָר — און וואָס מער צו ענטפֿערן...

עטלעכע מאָל, געדיינקט זי, האָט זי הויך געשריען, ווען מענטשן זיינען געווען ביי איר אין קאַמער: „איך בין אַ קאָמוניסטקע! איך בין אַ קאָמו־ניסטקע! אָבער מער ווייס איך גאָרנישט... וואָס ווילט איר פֿון מיר? מער ווייס איך גאָרנישט..."

און איינמאָל איז צו איר אַריינגעקומען דער קאָמיסאַר. זי האָט אים דערקענט. דאָס האָט געמוזט זיין באַלד אויפֿן דריטן טאָג, ווייל גלייך נאָך זיין באַזוך, דאָס געדענקט זי אויך גענוי, האָט מען זי אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל אַריין. דער קאָמיסאַר האָט איר דעמאָלט — אין יענעם צושטאַנד — געהייסן אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל... און זי האָט אונטערגעשריבן.

אין שפּיטאָל איז עטקע לאַנג געלעגן. מיט אַ צייט שפּעטער, ווען זי האָט זיך שוין אַביסל בעסער געפֿילט, איז צו איר אַריינגעקומען וואָיטשעכאָווסקי. ער באַגריסט זי און גיט איר אַפֿילו די האַנט — ווי אַן אַלטער באַקאַנטער... נאָר

זי האָט צו אים נישט געקוקט, און די האַנט האָט זי אים נישט געגעבן. ער האָט זיך לעבן איר געזעצט אויף אַ בענקל. ער האָט זי כסדר אָנגעקוקט, און געמאַכט קאָמפּלימענטן, אַז זי זעט אויס גוט, זי איז נאָך שענער געוואָרן ווי זי איז געווען פריער... דערנאָך נעמט ער אַרויס אַן אַקט פון דער קעשענע און ער לייענט איר פאָר — דאָס פּראָטאָקאָל...

צו וואָס טוט ער דאָס? — טראַכט עטקע. זי איז באַלד געוואָר געוואָרן.

—צי זי געדיינקט, אַז זי האָט דעם פּראָטאָקאָל אונטערגעשריבן? — פרעגט ער זי.

— ניין, זי געדיינקט נישט, צי זי האָט דאָס אונטערגעשריבן.

ער שטייט אויף בייז:

— וועט מען דיך צוריק נעמען אין אונזער „שטיבל”... וועט מען אָנהויבן דעם צירקוס פון אָנהויב...

און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

מער האָט זי וואָיטשעכאָווסקי'ן זינט דעמאָלט נישט געזען. און מער האָט מען זי נישט געטשעפּעט. די היסטערישע אַטאַקעס האָבן אויך אין שפּיטאָל נישט אויפגעהערט... אין חודש אויגוסט, 1931, האָט מען זי אַרויסגעלאָזט „אויף דער פריי”...

דאָס אַלץ האָט מיר עטקע דערציילט אין געגנוואַרט פון אירע עלטערן ביי זיי אין שטוב.

עטקע שטיפּטער

צווייטער דאָקומענט

א הארבסטיגע אָקטאָבער־נאכט. די קליינע דאָרפּישע שטיבלעך פון אָסטראָוויע שטייען איינגעבויגענע, ווי אַלטע לייט, וואָס שרעקן זיך פארן נאָנטן ווינטער. ראָזא שטייט פאַר דער שוועל, זי וואַרט איר חבר זאָל קומען פון קאָאָפּעראַטיוו. זי איז מיד. נאָר־וואָס איז זי אָנגעקומען צופוס פון דער שטאָט, 22 קילאָמעטער געטאָטשעט זיך אויף מיראַנ׳ס צעבראָכן וועגעלע, און מיראַנ׳ס שוואַך פערדל האָט געשוויצט, גלייך ס׳וואָלט ארויסגעוויינט דורך דער פעל. דער וועג פון שטאָט קיין אָסטראָוויע איז זייער א שלעכטער און א טיף־בלאָטיגער. ראָזא גייט אריין אין שטוב, זי וויל זען ווי שפּעט עס איז. דער זייגער איז עלף. זי וואָלט זיך געלייגט שלאָפן, נאָר זי איז אומרואיג, און זי באשליסט גיין צום קאָאָפּעראַטיוו, זען וואָס איר חבר זוימט זיך היינט אזוי לאַנג.

אין דאָרף איז שטיל. די הייזלעך שלאָפן. דער וועג האָט זיך איבער מיט טונקלקייט. עס דאכט זיך, אז ווייטער פירט נישט דער וועג אין ערגעץ. נאָר אָט בלישטשעט־אויף א קליין פייערל אין א קליינעם פענצטער פון דער גולעבע׳ס שטוב. א קליין אָרים פייערל אין דער טונקעלער נאכט. ראָזא גייט פּאַמעלעך, זי קומט נענטער צום פייערל. זי דערמאָנט זיך, אז די גולעבע האָט מיט צוויי טעג צוריק געבוירן א קינד. דאָס זיבעטע קינד. זי איז שווער קראַנק. מען זאָגט, אז זי האָט באַקומען א בלוט־פאַרגיפטונג. און ריף, איר מאַן, האָט נישט קיין געלט צו פאָרן נאָך א דאָקטאָר. ראָזא שטעלט זיך אָפּ. איר פאַלט איין, זי וואָלט באַדאַרפט אריינגיין א קוק געבן וואָס די גולעבע טוט. און איר פאַלט איין איר אייגן פינף־חדשים׳דיג קינד, וואָס זי טראָגט אין בויך. זי פאַרטראַכט זיך. דערווייל קומט אָן דער נאַכט־וועכטער לעווקע. ער איז באַהאַנגען מיט שמאַטעס, עס זאָל אים נישט זיין קאַלט. ער גייט פּאַמעלעך און שווער. עס דאַכט זיך: א שטיק טונקלקייט האָט זיך אָפּגעריסן פון דאָרף און גייט אַזוי פּאַמעלעך שווער איבערן וועג.

לעווקע בלייבט שטיין לעבן ראָזא׳ן. ער פרעגט זי פאַרוואָס זי שלאָפט נאָך נישט? זי וואַרט אויף גאָלדמאַנ׳ען — ענטפערט זי.

— ביסט געקומען פון שטאָט? — פרעגט לעווקע. — געבראַכט אפשר פון דאָרף שלעכטע נייעס? אודאי אַרעסטירט ווידער חברים?

— ניין, — זאָגט ראָזא. — גאָרנישט קיין נייעס. איך בין גלאַט אַזוי אומעטיג.

לעווקע דראָט איר מיט א פינגער:

— מען טאָר נישט, ראָזא, ווייל וואָס ס׳זאָל נישט טרעפן — האַלטן מוז מען זיך.

און אזוי האָבן זיי ביידע אביסל גערעדט צווישן זיך. לעווקע איז אַן אַלטער, אָבער א קלוגער. ראָזא האָט אים ליב. זי האָט ליב אַלטע אין דאָרף.

און אַלע האָבן אויך זי פּונקט אַזוי ליב. נאָר עס איז געווען אַן אומעטיגע נאַכט דעמאָלט. נישט נאָר טונקל איז געווען, און נישט נאָר האָבן די שטיבלעך אויסגעזען איינגעבויגענע, ווי אַלטע לייט. ראָזא האָט לעווקע'ן דעם אמת נישט דערציילט. עס איז איר געווען שווער אויפן האַרץ, און עס איז איר געווען שווער צו דערציילן לעווקע'ן, אַז עס רעדט זיך אַרום וועגן פּראָוואָקאַציעס...

שווייגנדיג איז ראָזא אַוועק אין איין זייט, און שווייגנדיג איז לעווקע אַוועק אין דער צווייטער זייט.

ראָזא צימערמאַן

באַלד איז ראָזא'ן שוין אַקעגנגעקומען גאָלדמאַן. ער האָט געהאַלטן די שליסל פון קאָאָפּעראַטיוו אין דער האַנט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביידע גלייך, זיי האָבן זיך אָנגעקוקט ביידע. ראָזא האָט אים געזאָגט, אַז זי וואָלט געוואָלט נאָך גיין אַביסל איבערן דאָרף. זי האָט אים נישט דערציילט, אַז זי פילט אין זיך עפּעס אַ שווערע דושנעקייט, נאָר זי האָט געזאָגט, אַז די לופט אין פריש און גוט — כאָטש די לופט איז געווען אַ האַרבסטיגע.

זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם קאָאָפּעראַטיוו. ראָזא האָט לאַנג געקוקט אויפן שילד מיט די גרויסע רויטע בוכשטאַבן: „קאָאָפּעראַטיווא האַרט". גאָלדמאַן האָט דערציילט וועגן פאַרגאַנגענעם טאָג אין דער קאָאָפּעראַטיוו־אַרבעט. נישט קיין וויכטיגע זאַכן. וועגן שטאָט האָט ער דערווייל גאָרנישט געפרעגט. פּלוצים זאָגט ראָזא:

— אַ סך מאָל וועלן מיר שוין דאָ נישט גיין...

גאָלדמאַן האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ראָזא ווידער געזאָגט:

— ס'וועט זיין אַ שאָד דאָס דאָרף. אַזא שיין דאָרף. אַזעלכע וואוילע מענטשן דאָ.

זיי זיינען צוגעקומען צו דער אַזערע, וואָס ליגט אין מיטן דאָרף. זיי זיינען געבליבן שטיין הארט ביי דער אָזערע. דאָס וואַסער איז געלעגן שטיל. בלויז גאָר אַ לייכט ווינטל האָט אויבן־אויף צעבלאָזן די קליינע וועלעכלעך. ווידער האָט ראָזא געזאָגט:

— מען וועט די אָזערע באַלד אפשר מער נישט זען...

זיי זיינען געגאַנגען צוריק. ראָזא'ן האָט זיך שטאַרק פארביינקט נאָך דער אָזערע און נאָכן דאָרף — גלייך ווי זי וואָלט שוין געווען לאַנג אַוועק פון דאָרט. ערשט איצט האָט גאָלדמאַן זי געפרעגט, צי ס'איז דאָ עפּעס נייעס אין שטאָט? זי האָט אים דערציילט. און זיי זיינען ווידער געגאַנגען שטיל. דערנאָך האָט זיך ראָזא אָנגערופן:

— אַ שאָד, אַזא שיינע אַרבעט. מען האָט אויפגעבויט דעם קאָאָפּעראַטיוו מיט אַזוי פיל מי, געשאַפן די ביבליאָטעק. איצט שאַרט זיך דאָס גאַנצע דאָרף אַרום קאָאָפּעראַטיוו. אָט האָבן זיי זיך ערשט גענומען אַזוי געשמאַק צונויפפירן דעם געהילץ פאַר אַן אייגענער געביידע. יעדער טוט וואָס ער קאָן. פּלוצים זאָל דאָס אַלץ גיין פארלוירן? ס'איז אַזוי שווער וועגן דעם צו טראַכטן...

גאָלדמאַן האָט איר אויף דעם געענטפערט:

— ווען מען וועט אונז אַרעסטירן — האָט ער געזאָגט — וועלן אַנדערע טאָן פאַר דער זאַך. עס זיינען דאָ גוטע חברים אַ חוץ אונז אויך.

זיי זיינען צוגעקומען צו זייער שטוב. ראַבטשיק, זייער הונט, איז זיי פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט זיך געפלאָנטערט צווישן די פיס און געלעקט די הענט. ראָזא'ן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך ראַבטשיק פירט זיך אויף דאָס מאָל אַנדערש ווי תמיד. עפּעס לאַשטשעט ער זיך צופיל, און וויל גאָר נישט אָפּטרעטן. אַ הונט, האָט זי געטראַכט, האָט שוין אַזא אייגן געפיל... זיי זיינען אַריין אין שטוב.

דער זייגער איז שוין געווען איינס. זיי האָבן נאָך געטרונקען טיי ביידע, און זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן. דערביי האָט זיך ראָזא'ס עלף־יעריג ברודערל אויפגעוועקט. ער האָט זיך זייער געפרייט וואָס זי איז שוין דאָ פון שטאָט. עס איז געווען זייער סקוטשנע צו זיין אָן איר אַ גאַנצן טאָג. און נאָך האָט ער דערציילט, אַז פאַרנאַכט איז אַריינגעקומען אין שטוב משה וויסבערט און ער האָט געפרואווט ביי אים פאָרשן וואוהין זי איז געפאָרן, ראָזא.

— איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט, — האָט דאָס קליינע ברודערל דערציילט. — איך האָב אים נאָר געענטפערט, אַז איך פרעג זי נישט קיינמאָל וואוהין זי פאָרט.

פּלוצים האָט ראַבטשיק אָנגעהויבן צו בילן, און אַלץ שטאַרקער. זיי האָבן אויפגעהאָרכט. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. מען קלאַפּט שטאַרק און מען רעדט הויך. עטלעכע מענטשן זיינען דאָרט אין דרויסן.

גאָלדמאַן איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעט און געפרעגט ווער עס איז דאָרט? א באַקאַנט קול האָט געענטפערט:

— נאַצני גאָשטשע (נאַכט־גאַסט).

זיי האָבן דערקענט אין קול, אַז דאָס איז דער קאָמענדאַנט זוואָלינסקי. עס איז געווען קלאָר, אַז מען איז געקומען אַרעסטירן...

גאָלדמאַן האָט זיך גענומען אָנטאָן, אָבער די טיר האָט מען שוין געריסן. ער איז צוגעגאַנגען און געעפנט.

עס זיינען אַריינגעקומען פיר פּאַרשוינען אין ציוויליע קליידער, און פיר פּאָליציאַנטן. די פיר אין צאָל האָבן געהאַט עלעקטרישע לעמפּלעך ביי זיך. זיי זיינען אַלע באַלד אַריינגעקומען בייז וואָרטשענדיג, און זיי האָבן זיך באַלד צעלייגט איבער דער שטוב ווי נישטערנדיגע הינט. זיי האָבן אָן אונ־טערשייד צעוואָרפן אַלע זאַכן, וואָס זיינען זיי נאָר געקומען אונטער די הענט, און ווילד געזוכט. ראָזא האָט זיך דערווייל שנעל אָנגעטאָן, דאָס קליי־נע ברודערל אויך. גאָלדמאַן האָט זיך נאָכן ערשטן שרעק באַלד געכאַפּט, און ער האָט זיי געפרעגט אויף וועמענס דערלויבעניש זיי זוכן. ער האָט פאַר־לאַנגט זיי זאָלן אים ווייזן א באַשטעטיגונג. איינער פון די ציוויליסטן האָט אַרויסגענומען א פּאַפּיר און עס דערלאַנגט גאָלדמאַנ׳ען.

— לייען...

דאָס איז געווען אַן אַרעסטירונג־באַפעל פון לוצקער אויספאָרשונג־ריכטער פאַר א גאָר גרויסער צאָל מענטשן אין דאָרף אָסטראָוויע.

אין שטוב האָבן דערווייל די אַגענטן צעוואָרפן אַלע זאַכן, די שטיקער זיינען געפלויגן אין אַלע זייטן. ראָזא האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט זוכן אַזוי ווילד, ווייל ביי אַזא פאַרגיין איז זי נישט זיכער געווען, צי מען וועט נישט אונטערוואַרפן קיין אומלעגאַלע זאַכן. איינער פון די ציוויליסטן האָט אויף איר אָנגעשריגן:

— איצט בין איך דאָ באַלעבאָס! דיך, טייערע פּאַני, וועל איך שוין נישט פרעגן וואָס איך האָב צו טאָן!

ראָזא איז שפּעטער געוואָר געוואָרן זיין נאָמען. דאָס איז געווען דער קאָמיסאַר זאַרעמבא.

עס איז צוגעגאַנגען אין שטוב ווי אין א שטאַל צווישן ווילדע אָקסן. מען האָט געריסן די זאַכן פון דער שאַפע, די שאַפע האָט מען צעבראָכן. מען האָט צענומען די בעטן, אַראָפּגעריסן דעם זייגער פון דער וואַנט. די קאָלדרעס האָט מען צעשניטן, און די קישנס. אפילו די פּאָדלאָגע האָט מען אויפגעריסן. זיי האָבן צונויפגענומען אַלע צייטונגען, אַלע ביכלעך, אפילו דעם קליינעם ברודערל׳ס שול־העפטן האָבן זיי אויך צוגענומען. אַרום לאָמפּ איז געווען אַרומגענומען אַן אָבאַזשור פון רויטן שטאָף, האָט מען דאָס אַראָפּגעריסן און אויך צוגענומען.

— שנעל אָנטאָן! שנעל, שנעלער! — שרייט דער קאָמיסאַר זאַרעמבא.

— מאַרש, אַרויס!

און ער האָט זיין געשריי נאָך איבערגעשיט מיט א פולן עמער מיט די געמיינסטע זידלערייען...

ווען די ווילדע זוכעריי האָט אויפגעהערט, האָט ראָזא געוואָלט מאַכן

אַביסל אָרדענונג אין שטוב. אָבער זאַרעמבאַ האָט איר אַ שטויס געטאָן און פונסניי געזידלט. גאָלדמאַן איז שוין געווען אין דרויסן. ראָזאַ האָט אַלץ געלאָזט ליגן, גענומען אויף זיך דעם מאַנטל און זי האָט זיך געזעגנט מיטן ברודערל. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט פּעסט מיט בײדע הענטלעך, ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און נישט געוואָלט זי אָפּלאָזן. זאַרעמבאַ טופּעט מיט די פּיס, זידלט און שרייט. ראָזאַ וויל זיך באַפרייען פון איר ברודערל'ס הענט־לעך. ער העשעט אַרויס אין אַ שטאַרק געוויין און קושט אירע הענט מיט הייסע טרערן. ראָזאַ ווייסט, ער האָט נאָר זי, קיינעם נישט מער, איצט בלייבט ער אַליין. וואָס וועט טאָן אַזאַ קינד אַליין? זאַרעמבאַ רייסט זי אָפּ פון אים און שטויסט זי אַרויס. דער קליינער ברודער לויפט איר נאָך, קלאַמערט זיך אָן אירע פּיס — די אַגענטן שלאָגן אים, קאָפּען אים מיט די פּיס און וואַרפן אים צוריק. מען פירט ראָזאַ'ן מיט גאָלדמאַנ'ען צו דער דאָרפישער שול, דער קליינער ברודער לויפט נאָך, די אַגענטן שלאָגן — ער לויפט אַלץ נאָך.

ווען זיי קומען אָן בײַ דער שול שטייען שוין דאָרט עטלעכע צענדליג געקאָוועטע פּויערן, אַרומגערינגלט פון אַ כמאַרע אַגענטן און פּאָליציאַנטן. מען האָט אַרעסטירט באַלד אַ האַלבן דאָרף, זעט ראָזאַ. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך לעווקע, דער נאַכט־וועכטער. ער איז דאָ מיט אַלע זײַנע שמאַטעס, און וועלכע ער איז פריער אַרומגעגאַנגען איבערן דאָרף. אים האָבן זיי געמוזט נעמען גראָד פון דער וואַרטע אַוועק. אַרום דער גרויסער מאַסע אַרעס־טירטע און אַגענטן שטייען ווייבער, קינדער, אַלטע מאַמעס, שנעל־אָנגעטוענע, אײַנגעבאָגענע, צעקרומטע. טייל זײַנען פאַרשטאַרט אין זייער קוקן, טייל שלוכצן. דאָס גאַנצן זעט אויס, ווי אַ גרויסע מאַסן־לויה, גלײַך אַ האַלב דאָרף וואָלט געשטאָרבן...

אין אַלע הויפן רייסן זיך די הינט פון די קייטן און בילן שווידערלעך...

גאָלדמאַנ'ען קאָוועט מען אײניינעם מיט אָמיליאַן אקסנטיוק'ן. ער איז אַ נידעריגער, ער לײַדט אויף אַסטמאַ, גאָלדמאַן איז אַ הויך־געוויקסיגער — ווי אַזוי וועלן זיי בײדע צוזאַמען קאָנען גיין? די אַגענטן וואַרפן זיך דעריבער אַרום מיט אויסגעלאַסענע שפּאַסן און קייכן פאַר געלעכטער. מען וויל אויך ראָזאַ'ן קאָוועט, אָבער זי לאָזט זיך נישט. זי שרייט:

בײַ אַזוי פיל וויפיל איר זענט דאָ, וועל איך דאָך שוין נישט קענען סיי־ווי אַנטלויפן. און איר ווילט קאָוועט אַ פרוי? שעמט אײַך!...

מען לאָזט זי נישט געקאָוועט, אָבער זיי שעמען זיך נישט. איינער פון די אַגענטן זאָגט דאָס אָפּן אַרויס:

— בײַ אונז טוט מען נאָך עפּעס אַנדערש מיט אַזעלכע פרויען אויך...

די מאַסע רירט זיך. פּאַוואָליע רירט זיך די ערשטע רייען, און עס גייען שוין די לעצטע. די ווייבער מיט די קינדער גייען נאָך פון הינטן. דער פאַר־שטיקטער געוויין ווערט אַלץ העכער. עטלעכע ווייבער שרייען. אויך די הינט רייסן זיך נאָך שטאַרקער פון די קייטן און זיי פּאַרטויבן מיט זייער בילן. עטלעכע אָפּגעלאָזענע הינט לויפן נאָך, שפּרינגען אויף די אַגענטן, בילן, בײַסן זיי. די אַגענטן שלאָגן זיי מיט שטעקנס, די פּאָליציאַנטן — מיט די פּאַרקערטע זײַטן פון די ביקסן. איינער שיסט אויס פון אַ רעוואָלווער. אַ

הונט ריטשעט־אויף, ער פֿאַלט אויפֿן רוקן און בלייבט ליגן מיט איינגע־צויגענע פּיס.

פֿון די ווייבער רייסט זיך אַרויס טעגלוסיע מיט צוויי קינדער אויף די הענט, און צוויי קינדער שלעפּן זיך איר נאָך. נאָך איר רייסט זיך באַלד אויך אַרויס אַלעקסאַנדרע. זייערע מענער זיינען ביידע אינײַנעם געקאָוועט, צוויי יונגע, הויכע, ברייט־פּלייציגע פּויערן. זיי גייען כמעט די לעצטע, פֿון הינטן, און די צוויי ווייבער רייסן זיך נאָך זיי: טעגלוסיע מיט די קינדער, אַ הויכע, דעם קאָפּ צוריקגעוואָרפֿן, אָן אַ טיכל, די לאַנגע האָר ברייט צעשויבערט, שווייגנדיק, פֿאַרביסן — זעט זי אויס ווי אַווילדע אַ נישט־דאָרפֿישע, אַ נישט־מענטשלעכע; און אַלעקסאַנדרע, אַרומגעהילט אין אַ שאַל, אַ נישט זייער הויכע, מיט אַ קליין קיילעכיק פּנים, וואָס מען זעט קוים אַרויס פֿון דער איינהילונג, וויינט שרייענדיק, ספּאַזמאַטיש, און וואַרפֿט זיך מיט צעשפּרייטע הענט צו איר מאַן. אַזוי די צוויי יונגע ווייבער. און די ווייבער, וואָס גייען נאָך פֿון הינטן, וויינען אין כאָר, שטיל, הויך — אויף פֿאַרשידענע קולות...

די אַגענטן הייבן פּלוצים אָן צו שלאָגן די ווייבער און די קינדער, מיט שטעקנס און מיט קאָלבעס, וואַרפֿן זיך אויף זיי מיט ווילדע געשרייען, און שלאָגן בילנד, קוקן נישט וואו די קלעפּ פֿאַלן... די ווייבער און די קינדער שרייען נאָך שטאַרקער, זיי פֿאַלן, און טייל וואַרפֿן זיך אַליין אויף דער ערד — און אינײַנעם מיטן חיה׳שן בילן פֿון די הינט בלייבן זיי צוריק.

די געקאָוועטע מאַסן האָבן זיך דערווייטערט, זיי זיינען שוין ביים קאָאָפּעראַטיוו. דער קאָאָפּעראַטיוו, דער דערבייאיגער סקלאַד און דער אייזקעלער זיינען אויפגעבראָכן. די טירן און די לאָדנס זיינען צעהאַקט. די פּראָדוקטן וואַלגערן זיך אומעטום אַרום, אינעווייניג אויף דער ערד און אויך אויף דער גאַס. עס זעט אויס ווי נאָך אַ וויסטן פּאָגראָם.

דאָס איז געווען גוט אָרגאַניזירט, טראַכט ראָזא. אַלץ איז ביי זיי אַזוי שנעל צוגעגאַנגען.

יעדער פֿון די פּויערן, ווען ער גייט פֿאַרביי דעם פּאָגראָמירטן קאָאָפּעראַטיוו, וואַרפֿט אַהינצו אַ בליק. זיין פּראַצע, זיין בלוט און פֿלייש — און אַזוי זעט איצט אויס די האָרעוואַניע פֿון יאָרן... מען גייט שטיל פֿאַרביי, גלייך מען זאָל מורא האָבן עמיצן צו וועקן. בלויז פֿונדערווייטנס הערט מען נאָך אַ שטיל הייזעריג בילן פֿון די הינט, און דאָ שעפּטשען די דינע קייטעלעך, מיט וועלכע די פּויערן זיינען געקאָוועט צו צוויי און צוויי...

דאָס דאָרף בלייבט צוריק אַלץ מער. דער לעצטער קוקט זיך אום און זעט שוין נישט דאָס דאָרף. די נאַכט איז טונקל. די שטערן זיינען אויסגעלאָשן. לינקס ציט זיך אַ ברייטער טייך. דאָרט האָבן די פּויערן אַלע טעג געכאַפּט פֿיש. די פּויערים פֿון דאָרף אָסטראָוויע האָבן הויפּטזאַכלעך געלעבט פֿון פֿיש־פֿאַנג. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט די פֿיש פֿאַרקויפֿט אין די שטעט — אָן צווישן־מעקלער. איצט גייערן די פּויערן פֿאַרביי דעם טונקעלן טייך, צו צוויי און צוויי געקאָוועט, און אַלץ אַרום שווייגט.

אָמעליאַן אָקסנטיוק קאָן נישט גיין אַזוי גיך. ער בלייבט כסדר הינטער־שטעליג. יעדער מאָל באַקומט ער דערפֿאַר מיט אַ שטעקן אָדער מיט אַ ביקס איבער דער פּלייצע. גאָלדמאַן פּראָטעסטירט פֿאַרוואָס מען שלאָגט

אַמלעיאַנ׳ען, דערפאַר שלאָגט מען אים אויך.

ראָזא גייט לעבן מיקיטע׳ן. ער דערציילט איר, אַז ווען מען האָט דורכ־געזוכט זיין שטוב האָט מען ביי אים אונטערגעוואָרפן אַ פעקל בראַשורן. ראָזא פרעגט אים, צי ער האָט געזען וואָס פאַר אַ בראַשורן דאָס זיינען? מיקיטע ענטפערט, אַז ער האָט נישט געזען. פּלוצים שפּרינגט צו אַן אַגענט צו מיקיטע׳ן און דערלאַנגט אים אַ זעץ מיט דער פויסט איבערן פּנים. מיקיטע שפּייט אויס אַ צאָן און אַ פול מויל מיט בלוט.

ביי אַ דריי קילאָמעטער פון דאָרף וואַרטן שוין צוויי גרויסע אויטאָ־בוסן אויף זיי. מען הייסט דאָרט אַריינגיין די געקאָוועטע פויערן. די אַגענטן און די פּאָליציאַנטן זעצן זיך אויך אַריין. אָבער נישט אַלע געפאַנגענע האָבן פּלאַץ אין די אויטאָבוסן. זיי בלייבן צוריק. מיט זיי בלייבן אויך עט־לעכע פּאָליציאַנטן און צוויי אַגענטן. זיי גייען נאָך צופוס. צווישן די, וואָס גייען נאָך, געפינען זיך אויך גאָלדמאַן מיט אַמעליאַנ׳ען. דאָס האָט מען אומיסנע אַזוי איינגעטיילט — ווייל אַמעליאַן קאָן נישט גיין גיך, ווייל ער ליידט אויף אַסטמאַ, אַז מען זאָל אים טרייבן און שלאָגן...

אין אויטאָבוס, וואו ראָזא זיצט, הערט זיך ווי צוויי אַגענטן דערמאָנען אינדערשטיל ווייסברויט׳ס נאָמען. מער האָט זי נישט געהערט. אָבער איר איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס ווייסברויט איז געווען ביי איר אין שטוב און געפּרואווט פאָרשן ביי איר קליינעם ברודער וואו זי איז. איצט פאַרשטייט זי אַלץ. ביז איצט האָט זי נישט געקענט גלויבן, ווען גאָלדמאַן און אַנדערע חברים האָבן שוין פון זינט אַ צייט געוואָרנט, אַז משה ווייסברויט איז אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַ פּאָליציי־שפּיצל. זי און אַסיפ זשוק האָבן דאָס נישט געקענט גלויבן — איצט וועלן זיי שוין מוזן גלויבן...

אויפן וועג איז אָנגעקומען אַ דריטער אויטאָבוס. די ערשטע צוויי האָבן צוגעוואַרט, ביז ער האָט געבראַכט די רעשטלעך מענטשן, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, ווען מען איז געפאָרן ווייטער. די אַגענטן זיינען געווען זייער גוט אויפגעלייגט. זיי האָבן גערויכערט ציגאַרן, געגעסן שאָקאָלאַד און זיי האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו ווערטלען און צו וויצלען מיט די געמיינסטע ציניש ווערטער איבער די פויערן. ווען אַ טייל האָבן זיך איינגער צונויפגערוקט, כדי ראָזא זאָל האָבן מער פּלאַץ, האָט איין אַגענט זיך אָנגערופן צו זיי:

באַמיט זיך נישט אומזיסט. די „דאַמע" וועט ביי אונז שוין האָבן גענוג צייט זיך אויסצורוען...

אַרום 9 אַזייגער אינדערפרי זיינען די אויטאָבוסן אָנגעקומען קיין לובאָמיל.

דאָס איז געווען דער 8טער אָקטאָבער, 1930.

אין לובאָמיל האָט מען די געפאַנגענע אַריינגעפירט אין פּאָליציי־קאָמאַנ־דע און מען האָט דאָרט פאַרשריבן זייערע נעמען. זייענדיג אַלע צוזאַמען אין איין גרויסער שטוב, האָט מען ערשט דערזען די צעשלאָגענע פּנים׳ער ביי אַ גרויסן טייל, די אונטערגעלאָפענע אויגן און די בלויע צייכנס. זיי האָבן דערציילט אין דער שטיל וואו מען האָט זיי אַזוי צעשלאָגן. עטלעכע האָבן שוין געכאַפּט זייערע פּאַרציעס נאָך אין דאָרף, ביי זיך אין די אייגענע שטי־

בער. אַנדערע האָט מען אויפן וועג אַזוי צעקאַטעוועט. אין דריטן אויטאָבוס איז פאָרגעקומען בשעת׳ן פאָרן אַ קליינע „שטילע״ הריגה...

די הברים האָבן איבערגעציילט וויפיל זיי זיינען דאָ: 78.

באַלד האָט מען אַלע געפירט צו דער באַן. לובאָמיל ליגט אויף דער שטרעקע כעלם—קאָוועל—לוצק. זיי זיינען געוואָר געוואָרן, אַז מען פירט זיי קיין לוצק. ראָזא׳ן איז דערביי דורכגעלאָפן אַ קעלט דורך דער הויט. פון „לוצק״ האָט זי שוין געהערט — פון דער „באַרימטער״ לוצקער דע־פּענזיווע... באַזונדערס לעצטנס האָט זי דערפון זייער אָפט געהערט.

אין וואַגאָן האָט טקאַטשוק — איינער פון די הויפּט־אַגענטן, זאַרעמבאַ׳ס „רעכטע״ האַנט — צוגעקומען צו ראָזא׳ן און ער האָט זי אַרויסגערופן אין אַ באַזונדערן אָפּטייל. ער האָט איר דאָרט צוערשט געמאַכט עטלעכע קאָמפּלימענטן אויף איר שיינקייט און אויף איר אינטעליגענץ. זי האָט זיך נישט אָנגערופן. ער האָט איר אָנגעבאָטן ציגאַרעטן און שאָקאָלאַד, זי האָט נישט גענומען. דערנאָך האָט ער געפּרוּוווט מיט איר איינ׳טענה׳ן פיין, מיט געזוכטע ווערטער, מיט באַדויערונג, מיט רחמנות — ביז ער האָט איר אָנגעשפּיגן. ער האָט געפּרוּוווט אַזוי:

— איר זייט דאָך זייער יונג, פריילין. וואָס האָט איר דען שוין געלעבט אויף דער וועלט? איר הויבט דאָך ערשט אָן צו לעבן. און אַזאַ ווי איר האָט גרויסע אויסזיכטן אויף אייער צוקונפט. איך בעט אייך: יונג, שיין, גראַציעז, אינטעליגענט, יעדער בעסערער מאַן מוז זיך דאָך רייסן נאָך אייך. איר קענט חתונה האָבן מיט אַ דאָקטאָר, מיט אַן אינזשינער, אָדער, זאָגן מיר, מיט אַ גרויסן קויפמאַן. זיי וואָלטן אייך אַלץ געבאָטן, איר וואָלט געפירט אַ זאָרגלאָז לעבן, אַ פריילעך לעבן, וואָס וואָלט אייך געפעלט?

ראָזא האָט אים איבערגעריסן:

— צו וואָס באַלעסטיגט איר מיך מיט אַזעלכע נאַרישע רייד?

טקאַטשוק האָט זי נישט געהערט:

— איך וויים, — האָט ער געזאָגט, — איך קען דאָס גוט. יונגע מענטשן האָבן ליב ראָמאַנטיק. זיי לאָזן זיך לייכט פאַרפירן אויף אַלע מעגלעכע שלעכטע וועגן, צו אַלע געפערלעכע אַוואַנטורעס. אָבער דערנאָך, דערנאָך האָבן זיי חרטה, דערנאָך וויינען זיי אויף זייער פאַרלוירענער יוגנט, אויף זייער געליטענעם שאָדן, און אַזוי ווייטער. אָבער נישט יעדער שאָדן לאָזט זיך ווידער גוט מאַכן. אַזוי, צום ביישפּיל, קאָן מען אַן אָפּגעשונדן פּנים נישט ווידער איבערקלעפּן מיט דערזעלבער יונגער און פרישער הויט פון פריער. און אַ ברוסט, ווען זי הויבט אָן צו אייטערן, אָדער אַ געשלעכטס־אָרגאַן, ווען עס ווערט באַשעדיגט, קאָן מען אויך נישט אַזוי גיך ווידער בעסער מאַכן — — —

ראָזא האָט דאָך געוואוסט פון דער ערשטע מינוט אָן אויף וואָס ער צילט — זי אָט אים ווידער איבערגעריסן:

—איך וואָלט אייך זייער געבעטן מיך לאָזן אין רו.

טקאַטשוק׳ס ברייטע קיילעכיגע פּלייצע האָט זיך זייער שנעל אויסגע־גלייכט. זיינע שפּיציגע אויגן זיינען נאָך שאַרפער געוואָרן, נאָך שפּיציגער.

נאָר ער האָט זיך בהאַלד געכאַפּט, ווייזט אויס, אַז ס׳איז נאָך צייט... און זיין צעשפּרייט שרעקלעך פּנים האָט ווידער געפּרואווט צו שמייכלען...

— הערט, ראָזאַ, איך וועל אייך עפּעס זאָגן. איך בין אייך אַ פּריינט. איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ נוצן קאָן ברייננגען דאָס אַרומטאַנצן אויף שאַרף געשליפן גלאָז? מען קאָן דעם קאָפּ צעברעכן, און ס׳קאָן גאָר געשען, אַז מען זאָל זיך שוין מער נישט אויפהויבן אויך. איז צו וואָס טויג דאָס? הערט, ראָזאַ, די קאָמוניסטן וועלן דאָך אויסגעראַמט ווערן ביז צו איינעם. אפילו קיין אַש פון זיי נישט בלייבן. צי ווילט איר אויך זיין דערביי — אָדער געפעלט אייך בעסער צו בלייבן לעבן און צו געניסן אַ גוט לעבן? איר וועט דאָך באַלד האָבן אַ קינד, דאָס זעט מען דאָך, צי האָט איר נישט גאָר קיין רחמנות אויף אַ לעבן, וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן? הערט וואָס איך זאָג אייך, ראָזאַ, די קליגסטע קאָמוניסטן, ווען מיר באַקומען זיי אין אונזערע הענט, איבערציינגן זיי זיך באַלד, אַז עס טויגן נישט זייערע אַלע קליגסטע דרייעכצן, און זיי זעען באַלד איין, אַז עס איז בעסער צו האַלטן מיט אונז, איידער זיך קעגן אונז צו שטעלן. און צום שלום ווערן זיי אַלע אונזערע לייט. פאַרשטייט זיך, אַז איינער פונ׳ם אַנדערן ווייסט דאָס נישט. און פאַרשטייט זיך, אַז זיי בלייבן ווייטער אין דער פאַרטיי און שפּילן דאָרט אַ גרויסע ראָליע — אָבער ביי אונז פאַרדינען זיי שוין געלט. מיר האָבן אַלע בעסטע קאָמוניסטישע פירער אין אונזערע הענט. און אפילו איך אַליין בין אויך אַ גוטער קאָמוניסט.

— איך ווייס דאָס, — האָט ראָזאַ געזאָגט, און זי האָט כאָטש אויך געמוזט דערביי שמייכלען.

ער האָט ווייטער גערעדט:

— הערט, ראָזאַ, איר זייט דאָך נישט קיין נאַריש מיידל, טוט דאָס, וואָס אַלע אייערע פירער טוען. איר קענט ווייטער בלייבן אַ קאָמוניסטע — מיר וועלן אייך נישט שטערן — און מיט אונז קענט איר לעבן אין דער בעסטער פריינטשאַפט. אַרבעטן וועט איר נישט מער דאַרפן גאָרנישט. איר וועט פאַרדינען גענוג אויף צו קליידן זיך אין די פיינסטע קליידער, אויף צו לעבן אין דער בעסטער וואוינונג, איר וועט האָבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן רייזן, צו לעבן אין אַ גרויסער שטאָט, גיין אין טעאַטער, אין קאַפע־הויז — מיט יונגע פיינע הערן. זעט, איך בעט אייך, פאַרוואָס זאָלן דאָס טאָן אייערע בעסטע פירער, און איר נישט? צי איר זענט דען אַן אַנדערער מענטש ווי זיי? אייער גאַנצע אויפגאַבע וועט זיין: אונז איבערצוגעבן פון צייט צו צייט, זאָגן מיר, אפילו איין מאָל אין חודש, עפּעס דאָרט אַ קלייניגקייט, אַ סאַמע נאַרישע קלייניגקייט — — —

ראָזאַ איז אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט. זי האָט אַרויסגעשריגן פון זיך איר גאַנצן איינגעהאַלטענעם צאָרן:

— אָבער אַז איך ווינטש נישט איר זאָלט מיט מיר רעדן! און נישט מיר נאָך מאַכן אַזעלכע געמיינע פאָרשלאַגן...

טקאַטשוק האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט, און ער האָט זי אַ ריס געטאָן צוריק אויף דער באַנק. מיט דער צווייטער פרייער האַנט האָט זי זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים. עס איז איר געווען עקלדיג אויף אים צו קוקן. זיין רויט־אָנגעפילט האַלז איז שיר נישט צעשפּרונגען געוואָרן אונטערן

איינג־צוגעקנעפּלטן קאָלנער פון זיין גרינעם רעקל. זיין צעשפּריים פּנים איז געווען איין שטיק מאָרד, ער האָט געשיפּעט ווי אַ בייזע שלאַנג...

— דו, ראָזאַ, אויב דו וועסט זיין אַזאַ ווילדער פויגל, וועט מען פון דיר ביי אונז מאַכן קרעפּל־פלייש, אויף קליינע שטיקלעך וועט מען דיך צעהאַקן. נאָר פריער וועט מען דיך מוטשען, נאָך מער ווי איר האָט געמוטשעט אונזער יעזוס׳ן... לעבעדיק וועסטו פון אונז נישט אַרויס — אויב דו ווילסט בלייבן אַזאַ ווילדער עקשן. איבערלייג דיך בעסער, איך וואָרן דיך, איבערלייג: ווילסטו ווערן אַ מיאוסער קריפּל — אָדער ווילסטו בלייבן שיין און געזונט ווי דו ביסט, און דערביי נאָך פאַרדינען געלט? קיין לעבעדיגער מענטש וועט נישט וויסן — — —

ראָזאַ האָט זיך פון אים אויסגעריסן, זי האָט זיך צו אים אויסגעדרייט מיטן רוקן. דער צוג האָט געהאַלטן אויף אַ קליינער סטאַנציע. טקאַטשוק האָט צוגעוואַרט.

ווען דער צוג האָט זיך גערירט, איז טקאַטשוק אויפגעשטאַנען. ער האָט זיך צו איר געשטעלט מיטן פּנים. זיין קיילעכיגע פּלייצע האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן, זי איז נאָך ברייטער געוואָרן, די הענט האָט ער געהאַלטן הינטן. זיין גראָבער האַלז איז געווען נאָך מער אָנגעפּילט מיט בלוט. זיינע שאַרפע שפּיציגע אויגן האָבן ווילד אַרומגעשטאָכן איבער ראָזאַ׳ן. עס איז געווען שרעקלעך אָנצוקוקן זיין מערדעריש פּנים...

די רעדער פון צוג האָבן שוין ווידער שנעל געקלאַפּט אויף די שינעס, די פענצטער האָבן געציטערט, טקאַטשוק האָט געצישעט:

— דו ביסט אַ... אָבער איך בין נאָך אַ גרעסערער... איך קאָן דיך אַרויס־וואַרפן פון צוג, אָבער דאָס וועל איך נישט טאָן. פאַר דיר וועל איך שוין האָבן עפּעס בעסערס. מיט מיר וועסטו נישט גוט אָפּשניידן. איך וועל פון דיר אַרויסציען יעדעס אָדערל באַזונדער. צוואַנציג מענטשן וועלן דיך נאָכאַנאַנד... און דערנאָך נאָכאַמאָל דאָס אייגענע... ערשט צולעצט וועל איך דיר צושיקן איינעם מיט אַ געזונטן סיפילים... דו שפּעקולירסט אפשר אויף דעם, וואָס דו האָסט אַ קינד אין בויך? האָסט אַ טעות! אַזאַ מיסט אין אַ קאָמוניסטישן בויך ווערט ביי אונז שנעל אויסגעריינינגט... מיר שפּילן זיך נישט. דו... וועסט ביי אונז שוין אויסזען, אויף די האָר וועט מען דיך אויפהיינגען אַ נאַקעטע, און אַרום דעם... וועט מען שטעכן מיט קליינע שפּילקעלעך. צו עסן וועט מען דיר געבן פון די קי דאָס... און פון די פערד... און איצט גיב איך דיר צייט צוויי מינוט זאָלסט דיך איבער־לייגן: איינס אָדער דאָס אַנדערע...

ער האָט געשוויגן. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. און פון איר פּנים האָט ער נישט אַוועקגענומען קיין אויג.

ראָזאַ׳ס געדאַנקען זיינען געווען פאַרטעמפּט. זי האָט צומיינסט צוגע־האַלטן די אויגן. איר קאָפּ האָט זיך ליכט געוואַקלט. זי האָט שוין איצט, אין דער איינער סעקונדע, אַדורכגעלעבט יענע אַלע פּייניגונגען, וועלכע טקאַ־טשוק האָט איר צוגעזאָגט. זי האָט דאָס אַלץ שוין איצט גענוג שטאַרק גע־פילט. נאָר קיין צוויי מינוט האָט איר איבערלייגן נישט געדויערט. זי האָט איינגלטלעך באַלד געענטפערט, אַז זי האָט זיך נישט וואָס איבערצולייגן.

אבער טקאטשוק האט צוגעווארט די פולע צוויי מינוט. דערנאך האט ער זי אנגענומען ביי א האנט, ער האט אויף איר אויסגעשפיגן, און מיט א קלאפ פון הינטן האט ער זי צוריק אריינגעווארפן אין אלגעמיינעם אפטייל.

חברים האבן פאר איר געמאכט פלאץ, זי האט זיך צווישן זיי אנידער־געזעצט. אויף צוויי קעגנאיבערדיגע בענק זיינען געזעסן די אגענטן. צו זיי איז טקאטשוק צוגעגאנגען. מען האט זיך דארט איבערגעוואונקען. טקא־טשוק האט נאכאמאל אויסגעשפיגן, דאס מאל אויף דער פאדלאגע, און ער האט פארוויכערט א ציגאר. זארעמבא האט געביסן די אונטערשטע ליפ, און ער האט געמאסטן מיט די אויגן איבערן וואגאן, איינעם נאכן אנדערן. זארעמבא איז פון דער מערדער־באנדע דער הויפט־העלד. דאס דערקענט מען נישט נאר אין זיינע כיטרע אויגן, אין זיין אויסגעלומפט פנים, נאר דאס דערקענט מען אפילו אין זיין עלעגאנטן אנצוג... ער איז א הויכער, א ריזיג־געזונטער מענטש. זיינע האר אויפן קאפ זיינען קורצע, שטייענדיגע, ווי ביי א יעש, און כאטש ער איז דער הויפט־העלד — איז ער גיכער ענלעך צו א פלינקן טיגער, און טקאטשוק צו א שווערן בער... צווישן זיי זיינען נאך געווען פארשיידענע אנדערע חיות, מיט מענטשלעכע נעמען... נאך עטלעכע זייערע נעמען האט ראזא געהערט אנרופן.

זי האט זיך געוואונדערט, ווי אזוי דער אפטייל, וואו זי איז פריער געווען, איז ליידיג, און קיין פאסאזשירן גייען נישט אריין דארט? ערשט ווידער אויף א קליינער סטאנציע האט זי געזען דורכן פענצטער, אז דער קאנדוקטאר לאזט אין דעם גאנצן וואגאן קיינעם נישט אריין. זי האט פאר־שטאנען, אז דער גאנצער וואגאן איז „רעזערווירט".

זארעמבא איז אויפגעשטאנען, ער איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די חברים, אפגעקאוועט אים פון זיין שוץ, און איז מיט אים אריינגעגאנגען אין יענעם באזונדערן אפטייל. דאס האט פאסירט אזוי עטלעכע מאל מיט פארשיידענע חברים איבערן גאנצן וועג...

די געקאוועטע מענטשן, די וואס זיינען געשטאנען און די וואס זיינען געזעסן, האבן ווייניג צווישן זיך גערעדט. קוים האט איינער א ווארט ארויס־גערעדט און דער צווייטער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ, דאס איז געווען אלץ. ביי א טייל איז עס געווען די געדריקטע שטימונג, וואס האט זיי נישט געלאזט רעדן — ווייב, קינד, פון וואס וועלן זיי לעבן? און וואוהין פירט מען? ווי לאנג וועט מען האלטן? — דאס זיינען געווען די „אנפאנגער", אזעלכע, וואס האבן מיט דער דעפענזיווע נאך קיינמאל נישט געהאט צו טאן. אנדערע חברים האבן זיך גלאט געהיט נישט ארויסצוכאפן זיך מיט קיין איבעריג ווארט. דאס זיינען געווען די מער באוואוסטע און די מער פארשטענדלעכע חברים. אין פוילן ווערן אזעלכע מענטשן שטארק פארהאר־טעוועט, זיי שווייגן אין אלע סיטואציעס. אפילו צווישן פריינט, אפילו ביי זיך אין שטוב שווייגן זיי אויך מיינסטנס. גאלדמאן האט זיך מיט זיינע אויגן נישט אוועקגעריירט פון וואגאן־פענצטער. ער האט געקוקט אויף אלץ, וואס איז גראד פארבייגעלאפן אינדרויסן, מיט א קאלטן, גלייכגילטיגן בליק. מען האט דערקענט, אז נישט גאר עפעס אנדערש — גיכער עפעס דער דרויסן אינטערעסירט אים, נאר אזוינס, וואס „הינטער דעם דרויסן" קומט פאר. אנדערש שוין האט זיך פארהאלטן אסיפ זשוק. זיינע העלע, ליכטיגע אויגן

האָבן אַזוי ווי געשמייכלט. מיט זייער יוגנטלעכער פרישקייט האָבן זיי נישט איינגערוט קיין רגע, נאָר אַלץ ארומגעטאַנצט איבערן וואַגאָן פון איין חבר צום אַנדערן. ס'האָט זיך געדאַכט: זיי ווינקען צו יעדן חבר, אַז „ס'וועט נאָך גוט זיין — מען זאָל נאָר ביי זיך נישט פאַלן!" און עס האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער ווינקט צו: „אָט נעמט ביי מיר אַ ביישפּיל..." איבער זשוק'ס יונגן פּנים איז געלעגן אַ יונגע צופרידנקייט, אַזאַ, ווי ביי איינעם, וואָס מאַכט גאָר אַ „פריילעכן אויספלוג" — דעם ערשטן אין זיין לעבן...

דערפאַר, ווען זאַרעמבאַ האָט אים אָפּגעקאָועט און אים אַריינגעפירט אין דעם באַזונדערן אָפּטייל, האָט זיך ראַזאַ זייער געשראָקן: אַזאַ אַלטער מערדער — און אַזאַ יונג קינד... גאָר יונג? ער איז דאָך עלטער פון איר. ער איז אַלט 26 יאָר, זי — 23. פונדעסטוועגן האָט זי זיך געשראָקן. איז דען גאָר שווער אויף איינעם צו ווירקן מיט אַזאַ מערדעריש קאַטעווען די נשמה? און זשוק איז פאַרט אַ לייכטער, אַ פריילעכער, ער וויל נאָך לעבן. און ווער וויל נישט לעבן?...

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און ראַזאַ האָט לייכטער אויפגעאָטעמט — ווען זי האָט געזען, אַז זאַרעמבאַ גיט זשוק'ן אַ קאַפּע פון הינטן און שטויסט אים צוריק אַריין אין געמיינזאַמען וואַגאָן. זי האָט אויך געזען, ווי זשוק'ס באַקן זיינע אַביסל צעפלאַמט. ער האָט געמוזט דאָרט אַריינכאַפּן עטלעכע געזונטע פּעטש...

זי האָט זיך ווידער פאַרקוקט אויף אַנדערע, זי האָט באַטראַכט ווי אַזוי יענע „פילן זיך". זי האָט געטראָפן לויט זייערע בליקן, לויט זייער פאַרהאַלטן זיך. אַ סך צו טרעפן האָט זי נישט געקאָנט. ווי אַזוי קאָן מען דאָ זיין אַ נביא? אָט טאַקע אָסיפּ זשוק... און ווידער האָט זי באַטראַכט לעווקע'ן. אין דיזעלבע שמאַטעס, אין וועלכע ער איז געווען אַרומגעהילט ביי דער וואַרטע, שטייט ער אויך איצט דאָרט אין ווינקל, צוגעקאָועט צו בורלאַק'ן און דרעמלט דאָרט שטייענדיגערהייט. אים קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז ער שטייט נאָך אַלץ אויף דער וואַרטע — מען דאַרף אים אויפוועקן... זאָל טקאַטשוק אים נעמען. ביי אים וועט ער נאָך ווייניגער ווי ביי אַנדערע וואָס אַרויסבאַקומען, לעווקע — אַ געטרייער וועכטער פון דאַרף אַסטראָוויע... און נישט נאָר אַ נאַכט-וועכטער. „ווייל וואָס ס'זאָל נישט טרעפן, האַלטן מוז מען זיך". — האָט ער ערשט נעכטן ביינאַכט איר געזאָגט. נאָר טקאַטשוק נעמט אים נישט. ער לאָזט אים דאָרט ווייטער דרעמלען אין ווינקל.

און ריץ? אויך ער זיצט און שלאָפט. ביי זיין קראַנק ווייב האָט ער זיך דאָך נישט געקענט אויסשלאָפן. זעקס קינדער אין דער כאַטע, דאָס זיבעטע איז צוגעקומען, אַלע שרייען, אַלע זיינען הונגעריג — און דאָ קומט נאָך די בלוט-פאַרגיפטונג, און דאָס ווייב ווערט געפערלעך קראַנק. געלט פאַר אַ דאָקטאָר איז נישטאָ... ריץ זיצט אויף דער באַנק, ער וואַקלט זיך, און ער שלאָפט... וואָס מאַכט דאָרט זיין ווייב, די גולעכע?

פיר אַזייגער מיט פופציג מינוט איז דער צוג אָנגעקומען קיין לוצק. מען האָט די געפאַנגענע אויסגעשטעלט צו פיר און פיר, און מען האָט זיי געפירט אין די עקספּאָזיטור. אינעווייניג אין דער עקספּאָזיטור האָט מען פון אַלע אַראָפּגענומען די קייטן און מען האָט זיי אויסגעשטעלט יעדן מיטן

פנים צו דער וואנט. ראזא'ן האט מען געהייסן זיך זעצן אויף א קאסטן, וועלכער איז געשטאנען אין א ווינקל.

די שטוב איז געווען א גאר גרויסע. א חוץ די ערשט־צוגעקומענע זיינען דארט שוין געווען מענטשן פון פריער. זיי זיינען אלע געשטאנען מיט די פנים'ער צו דער וואנט. אין די אנדערע ווינקלען זיינען אויך געזעסן עטלעכע פרויען. אין דער מיט שטוב דרייען זיך ארום אגענטן און פאליציי. אלץ נייע פנים'ער פון אגענטן קומען אריין און גייען ווידער ארויס. דאס וויצלען זיך מיט מיאוסע רייד וועגן „באלשעוויקישע"... הערט נישט אויף. פון די אנדערע שטיבער הערט מען אריין כסדר פארשטיקטע קולות, שווערע, אפגעהאקטע...

ראזא פרואווט בעטן א פאליציאנט, צי ער וואלט איר נישט געקאנט פארשאפן עפעס עסן, זי האט ביי זיך געלט. דער פאליציאנט ציט מיט די אקסל: ער טאר נישט. זי בלייבט זיצן פארהונגערט. ווען מען וואלט כאטש געקאנט קויפן ברויט, וואלט זי דאס פארטיילט אויך פאר אנדערע חברים. זי זעט, אז אמיליאן אקסנטיוק האלט זיך קוים אויף די פיס. זיין אסטמאטישער אטעם פרייכט אין קורצע פויזן ווי א שוואכע אויסגייענדיגע מאשין. פון דער זייט זעט ראזא זיין פנים. זיינע גרויסע ווייסלעכע אויגן איבערדרייען זיך כסדר און יאגן אן א שרעק. ער איז דער ערשטער, וואס לאזט זיך אראפ אויף דער פאדלאגע און בלייבט זיצן מיטן פנים צו דער וואנט. אנדערע האלטן אויך נישט אויס אזוי לאנג שטיין אויף איין ארט, און נאך עטלעכע זעצן זיך אראפ אויף דער ערד. נאר די אגענטן, וואס באמערקן דאס, הויבן אן שרייען. זיי לויפן צו צו די זיצנדיקע און קאפען זיי מיט די פיס, זיי זאלן אויפשטיין. זיי שטייען אלע ווידער אויף. אמיליאן אקסנטיוק מוז אויך אויפשטיין.

די מינוטן שלעפן זיך ווי לאנגע שעה'ן. עס איז שרעקלעך טרוקן און שווער אויפן הארץ. אין דער גרויסער שטוב הערשט א שטימונג, ווי אויף א בית־הקברות מיט אפענע גריבער. די מענטשן, וואס שטייען ארום די ווענט אויסגעשטעלט, מיט די רוקנס איינער צום אנדערן, זעען אויס ווי פאר'משפט'ע צום טויט, וועלכע מען וועט יעדע מינוט צעשיסן. פון די אנדערע שטיבער הערט מען כסדר דיזעלבע דערשטיקטע, אפגעהאקטע קולות...

און ווידער בריינגט מען אריין אין דער גרויסער שטוב א פרישע פארטיע, געקאוועט און צעשלאגן ווי די פריערדיגע. מען נעמט ביי זיי אראפ די קייטלעך און מען שטעלט זיי אויף א באזונדערן ארט, מיט די פנים'ער צו דער וואנט. אבער זיי מוזן שוין שטיין שטארק צונויפגעדריקט, ווייל עס פעלט שוין פלאץ.

אין די פאר מינוטן, ווען מען האט אריינגעפירט די נייע פארטיע, און די אגענטן זיינען געווען מיט זיי פארנומען, האט ראזא באקומען א פארבינדונג מיט איינעם, וועלכער איז שוין דא געווען אין שטוב איידער ראזא'ס פארטיע איז געקומען. ער איז שוין געווען נאכן ערשטן פארהער. ער איז נאך נישט געווען שטארק צעשלאגן — דער „פארהער" ציט זיך דא, האט ער דערציילט, עטלעכע טעג און טיילמאל אויך עטלעכע וואכן. דאס איז דאס הויז פון וואיעוואדע (באצירק־הויפטמאן), האט ער דערציילט. אלע שטיבער זיינען דא פול מיט ארעסטירטע חברים. עס איז אין די לעצטע

טעג פאַרגעקומען אַ גרויס „געיעג אויף קאָמוניסטן” אין גאַנץ מערב־אוקראַינע און מערב־ווייס־רוסלאַנד. מיט יעדער באַן ברייגנגט מען צופירן אַ נייע פאַרטיע. מען שלאָגט דאָ מערדערלעך. עטלעכע חברים פון זיין שטאָט זיינען שוין פאַרטיגע קאַליקעס...

ראָזא האָט די פאַרבינדונג ווידער אָפּגעריסן. מען האָט גענומען ציילן די געפאַנגענע. אָט האָט זי געהערט דעם ערשטן באַריכט... אָבער וואָס אויף איר וואָרט האָט זי נאָך נישט געוואוסט. די וויטערדיגע באַריכטן זיינען געווען גרוילעכע...

עס איז ווידער שטיל געוואָרן אין דער גרויסער שטוב. אַקסנטיוק האָט נישט אויסגעהאַלטן לייגנער צו שטיין און ער האָט זיך פונסניי אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. מען האָט אים געלאָזט זיצן. מען האָט פאַרבייגעפירט עטלעכע געפאַנגענע. דאָס האָט מען זיי געפירט פון איין שטוב אין דער אַנדערער. אַלע זיינען געווען שרעקלעך צעשלאָגן, פאַרבלוטיגט, פאַרבלאָטיגט, אויפגעשוואָלן. דער לעצטער האָט זיך געוואָרקט אויף די קני, ער האָט זיך קוים געקאָנט רירן פון אָרט. זיין אָנטאָן איז געווען אינגאַנצן צעריסן, ער איז געווען אָן אַ היטל, מיט צעשויבערטע האָר, שוואַרצע, לאָקיגע האָר. אויף פיל ערטער זיינען די האָר געווען אינגאַנצן אויסגעצופּט. ער איז געווען אַ שיינער מענטש. דאָס האָט מען נאָך דערקאָנט אָן די גרויסע טונקעלע אויגן. דאָס איבעריגע פנים האָט מען איבערהויפּט נישט מער דערקאָנט. עס איז געווען איין שטיק צעריסן און צעשוואָלן געשווילעכץ. די פיס האָבן אויסגעזען מורא'דיג גרויס, ווייל זיי זיינען אויך געווען שטאַרק געשוואָלן. און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַ געוואָגענער מענטש — אַ מענטש פון עפּעס אַן אַנדער וועלט. איבער די גרויסע שוואַרצע אויגן האָט ער געטראָגן די דראָטן פון די אויגנגלעזער — אָן גלאָז...

ראָזא איז שפּעטער געוואָר געוואָרן דעם נאָמען פון דעם חבר, ער הייסט: חיים טשאַפּניק.

מען האָט אָנגעהויבן רופן די חברים פון דער אָסטראָוויע־פּאַרטיע. יאַקאָב קוזמיטש איז דער ערשטער. עס געדויערט קוים עטלעכע מינוט, הערט מען זיינע מורא'דיגע קולות. די קולות הערן נישט אויף, ביי קליינע פּויזן, אַריבער אַ שעה צייט. עס האָבן זיך שוין געזעצט אויף דער פּאָדלאָגע כמעט אַלע חברים. זייערע פּנים'ער זיינען טויטע מאַסקעס. קיין איינציגער מוסקול צוקט נישט אין זיי. עס רירט זיך נישט קיין וויע פון קיין איינציקן אויג. זיי לעבן נישט מער. עס וואַרט נאָר יעדער אויף זיין קבר...

אָבער אַזוי איז דאָס נישט געווען. זיי זיינען נאָך נישט געווען אינגאַנצן טויט. ווייל אָט רופט מען אַ צווייטן — באַלד הערן זיך דיזעלבע מורא'דיגע געשרייען. אַ פערטן — דאָס זעלבע... און אַזוי ווייטער — און אַזוי ווייטער...

ווידער עפנט זיך די טיר און מען רופט אויס: „אָסיפּ זשוק!” ער שטייט אויף, ער ענטפערט שטיל: „איך...” ער האָט שוין פריער לאַנג נישט געשמייכלט. ערשט איצט הויבט ווידער אָן צו שמייכלען זיין ליכטיג בלאַנד פנים. אַ שטילער איינגעהאַלטענער קינדישער שמייכל. גלייך דער ערשטער „פריילעכער אויספלוג”, וואָס ער האָט אונטערגענומען, הויבט זיך איצט ערשט אָן...

ראָזא האָט אים נאָכגעקוקט ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין יענער

שטוב, וואו עס זיצן טקאַטשוק און זאַרעמבאַ... אַ שיינע געשטאַלט דער אָסיפּ זשוק האָט! גראַד, לייכט, בויגעוודיג...

אָסיפּ זשוק איז נישט מער צוריקגעקומען. ריץ איז נישט מער צוריקגעקומען. קיין איינציגער פון די, וועלכע מען רופט, קומט נישט מער צוריק. צוריקגעקומען זיינען זייערע קולות — טעמפּ, כאָרכלענדיג, הייזעריג, און אַלץ שטילער, שטילער — די לעצטע אָפּשטאַרבנדיגע גרוסן...

איין איינציגער לאָמפּ האָט טונקל געברענט אין דער מיט שטוב. אַרום די ווענט זיינען געזעסן די מענטשן ווי טונקעלע שטיקער שאָטנס. זיי האָבן זיך נישט גערירט. הינטער די הויכע פאַרגראַטעוועטע פענצטער איז געשטאַנען די טונקעלע נאַכט.

דער זייגער איז ניין, צען, עלף. מען רופט איינעם נאָכן אַנדערן — קיינער קומט נישט צוריק. און אַלץ כסדר הערט מען דאָס מורא'דיגע שרייען. און ווידער וואַרטן די, וואָס זיינען געבליבן וואַרטן אויף זייער רוף...

מען רופט גאָלדמאַנ'ען, ראָזאַ'ס חבר. ער שטייט אויף, גייט. ראָזאַ גיט אַ ציטער. זי זעט ווי איר חבר גייט פעסט, נישט געבויגן, אין איר בלייבט אָבער שטעקן דער ציטער אין מיטן האַרץ. זי וואַרט צען מינוט, צוואַנציג מינוט, אויף איר לאַנגער האַנט האָט זי אַ זייגערל. זי קוקט כסדר ווי לאַנג עס געדויערט... נאָר עס איז שטיל דאָרט — מען הערט מער נישט קיין שרייען. וואָס זאָל דאָס באַדייטן?... דער ציטער אין האַרץ שטאַרקט זיך, דאָס געפיל ווערט טעמפּער, צעמישטער... דעמאָלט קומט גאָלדמאַן צוריק אַרויס. דער קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזט. ער גייט צו און זעצט זיך לעבן איר, קיינער שטערט אים נישט.

אין שטוב איז שטיל. עס זיינען נישטאָ קיין אַגענטן. זיי זיינען אַלע ביי פאַרהערן. די פּאָליציאַנטן זיינען אַליין מיד, זיי דרייען זיך אַרום ווי אין אַ דרעמל.

גאָלדמאַן זיצט לעבן ראָזאַ'ן. ער הערט נישט אויף צו שפּייען. זי פרעגט אים צי מען האָט אים געשלאָגן? ער ענטפערט, אַז מען האָט אים נישט געשלאָגן. ער איז נאָר געווען אויף אַ קאָנפראָנטאַציע מיט יאַקאָב'ן. נאָר יאַקאָב איז מערדערלעך צע'הרג'עט. זיין קאָפּ איז אינגאַנצן צעקלאַפּט און גאָר שטאַרק פאַרבלוטיגט. דאָס גאַנצע פּנים איז ביי אים אויפגעשוואָלן און טיילווייז אָפּגעשונדן די הויט. ער איז איבערהויפּט נישט מער ענלעך צו זיך.

ראָזאַ פרעגט איר חבר, פאַרוואָס ער שפּייט אַזויפיל? ער דערציילט, אַז ווייל ער האָט נישט געוואָלט באַשטעטיגן דאָס, וואָס יאַקאָב האָט אונטערגעשריבן, האָט מען אים... אין מויל אַריין...

אין צוואַנציג מינוט אַרום עפנט זיך ווידער די טיר, און פונסניי רופט מען אויס גאָלדמאַנ'ס נאָמען. מער איז ער נישט צוריקגעקומען...

און מער האָט מען אויך קיינעם נישט גערופן. ס'איז געוואָרן שטיל אין דער גאַנצער געביידע. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך געבראַכט ביינקלעך, זיי האָבן זיך געזעצט אין דער מיט שטוב. טייל זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן. ווייזט אויס, אַז די אַגענטן זיינען שוין אַהיים געגאַנגען, יעדער צו זיך — אויסרוען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט...

און גאָלדמאַן? און קוזמיטש? און אָסיפּ? און אַלע אַנדערע?

ראָזאַ איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף איר קאַסטן. זי איז געזעסן איינ-

געקאָרטשעט אין דרייען. דער קאָפּ טיף אַראָפּגעהאָנגען, ווי אַן אונטערגעהאַקטער. אויפֿן זייגער האָט זי נישט מער געקוקט. די נאַכט האָט זיך געצויגן סײַ־ווי אויף איר לאַנגן וועג. ביז דער גרויער האַרבסטיגער טאָג איז צוגעקומען צו די הויכע פֿאַרגראַטעוועטע פֿענצטער. גרויע פּאַסן האָבן זיך געלייגט אויף די אײַנגעבויגענע שאָטנדיגע קעפּ אַרום די ווענט. די קעפּ האָבן זיך גערירט. די גרויע פּאַסן האָבן זיי דערמאָנט, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ טאָג. אַ טאָג איז אָנגעקומען!

ראָזאַ האָט זיך אויך גערירט פֿון איר פֿאַרגליווערונג. זי האָט געקוקט אויפֿן זייגער. די ווײַזערס זײַנען געשטאַנען פֿאַר 8.

8 אַזייגער אינדערפֿרי, דער 9טער אָקטאָבער, 1930.

די געביידע פֿון דעם וואָיעוואָדע אין לוצק האָט ווידער אָנגעהויבן צו לעבן. דאָס טעגלעכע, טאָג־טעגלעכע לעבן. מיט בלוט. מיט געשרייען. מיט מאַסאַקרעס. מיט טויט.

דאָס ערשטע. מען האָט אָנגעהויבן צו פֿירן די געפֿאַנגענע אויפֿן קלאָזעט. מען האָט צוערשט געפֿירט יענע פֿון די שעכט־הײַזער. פֿאַר ראָזאַ׳ס אויגן איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דער פֿילפֿאַרביגער טויט. איין שטיק געווען לעבן האָט זיך געשלעפּט נאָכן אַנדערן. אויף די קני. אויף די הענט. אויפֿן בויך. צעריסענע שמאַטעס אויף די לײַבער. צעריסענע פֿאַרבלוטיגטע הויט קוקט אַרויס פֿון די צעריסענע שמאַטעס. אויסגעצופּטע האָר, אַ האַלב אָפּגעריסן אויער, אַן אויפֿגעשוואָלן פּנים. בלאָ און רויט אונטערגעלאָפֿענע אויגן. און מענטשן, בײַ וועלכע מען זעט די אויגן מער נישט אַרויס...

און נאָך די מענטשן שלעפּט זיך נאָך אַ קרעכץ, ווי דער לעצטער קרעכץ פֿון אַ שטאַרבנדיגן. נאָר אַ פֿאַרשידענער — ווי פֿאַרשידן עס זײַנען די ווייטאָגן בײַ די מענטשן. דער מענטש איז אַרויס און דער קרעכץ איז געבליבן אין שטוב. און איין קרעכץ מיטן אַנדערן האָבן זיך אויסגעמישט —און אָנגעפֿילט די שטוב און די מענטשן, וואָס האָבן נאָך געלעבט אין דער שטוב...

ראָזאַ האָט זיך די גאַנצע צײַט געשטאַרקט און זי האָט געקוקט יעדן אין פּנים אַרײַן. זי האָט געוואָלט דערקענען עמיצן פֿון די אייגענע. אָבער עס איז געווען שווער צו דערקענען — סײַ לויט די פּנים׳ער, סײַ לויט די געשטאַלטן — יעדע געשטאַלט איז געווען אַן אויפֿגעבלאָזענע צעווייקטע שמאַטע, ניט קיין געשטאַלט מער. צעבויגן, קרום, אָן יעדער מענטשלעכער פֿאָרם. און יעדעם פּנים איז געווען אַ שטיק רוי, צעיוירן, צעמאַזשעט פֿלייש. זי האָט נישט דערקענט קיינעם.

נאָר איינער האָט זי דערקענט. ער בלײַבט פֿאַר איר שטיין און ער קרעכצט פֿאַר אַרויס, אַז אָסיף ליגט דאָרט אָן סימנים פֿון לעבן, וואו גאָלדמאַן איז ווייסט ער נישט, אַז מען האָט אַלע שטאַרק צעמאַסקרעוועט, און אַז אַלע האָבן געמוזט אונטערשרײַבן...

ווער דאָס האָט איר געזאָגט האָט זי נישט געוואוסט. ער איז נישט געווען צו דערקענען. און לאַנג קוקן אין זײַן פּנים אַרײַן האָט זי אויך נישט געקאָנט... ערשט ווען מען האָט אים ווידער צוריקגעפֿירט, האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם רעקל ווער דאָס איז: ריצ׳עס רעקל... צי לעבט נאָך זײַן ווײַב, די גולעכע, אָדער איז זי געשטאָרבן?

עס האָט נאָך געדויערט לאַנג ביז די אַלע מענטשן זײַנען פאַרבייגעקראָכן די שטוב. עס זײַנען געווען זייער פיל מענטשן, און קוים איינער פון זיי האָט געקאָנט גיין מיט אַ מענטשלעכן גאַנג. דערפאַר האָט דאָס אַזוי לאַנג געדויערט. פּאַציענטן זײַנען שוין געווען אַנדערע. די פון ביינאַכט זײַנען פון זיי אָפּגעלאָזט געוואָרן. אַלץ איז צוגעגאַנגען ווי לויט אַ באַשטימטן פּאַראַגראַף. די פּאַציענטן האָבן גוט און פּינקטלעך אויסגעפירט זייערע אַרבעטן, גלײַך ווי זיי וואָלטן שוין געווען זינט יאָרן צו דעם צוגעוואוינט. ראָזא האָט געטראַכט, אַז דאָס אַלץ, וואָס קומט דאָ פאָר, איז יעדנפאַלס נישט קיין נייעס פאַר זיי. דאָס אַלץ איז דאָ שוין געוואָרן אַ טעגלעכע זאַך. און זי האָט געטראַכט וועגן די אַלע חברים, וועלכע זײַנען שוין יאָרן און יאָרן דאָ אַהער פאַרשלעפּט געוואָרן — און דאָ זײַנען זיי פאַרפּייניקט, פאַרקריפּלט, דער׳הרג׳עט געוואָרן. און קיינער רעדט נישט דערפון... און קיינער שרײַט נישט אַרויס אין דער ווייטער וועלט וועגן דעם... עס איז אַ פאַרשטענדלעכקייט, אַז אַזוי דאַרף זײַן. דאָס איז שוין געוואָרן אַזאַ געזעץ. די פּוילישע רעגירונג האָט דאָס רעכט צו טאָן מיט מענטשן — וואָס זי וויל...

און דורך דער שטוב גייען נאָך אַלץ פאַרביי די צע׳הרג׳עטע שטיקער מענטשן...

דערנאָך קומט צו אויך צו ראָזא׳ן אַ פּאַציענט און ער רופט זי אַרויסצוגיין. דערזעלבער פּאַציענט איז דאָ אויך געווען נעכטן ביז פאַרנאַכט. אויפן קאָרידאָר פרעגט ער זי, צי איינער אַ הויכער, אַ בלאָנדער, איז פון איר „ספּראַווע״? יאָ, זאָגט זי, דאָס איז אָסיפּ. וואָס מאַכט ער? ס׳איז שלעכט מיט אים, ענטפערט דער פּאַציענט. ער איז גאָר שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן. ליגט אין אַ ווינקל און קאָן זיך נישט רירן. צי ער וועט נאָך גאָר לעבן?...

ראָזא׳ן איז קאַלט געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן איבערן גאַנצן לײַב. און מער האָט זי נישט געפרעגט. נאָר דער פּאַציענט האָט אַליין דערציילט:

— זיי שלאָגן אַזוי מערדערלעך, אַז איך קען נישט צוקוקן. איך קאָן נישט הערן ווי די מענטשן קרעכצן. ווי נעמט זיך גאָר ביי די מענטשן אַזאַ געפערלעכע בלוט, צו קענען אַזוי גרויזאַם קאַטעווען אַנדערע מענטשן?.. איך פאַרשטיי דאָס נישט.

ווען ראָזא איז שוין ווידער געווען אויף איר אָרט אין שטוב, איז פאַרבייגעגאַנגען מיקיטע. ער איז אויך נישט געגאַנגען, נאָר זיך געשלעפּט — גלײַך ער וואָלט זײַן אייגענעם טויטן קערפּער נאָך זיך נאָכגעשלעפּט... פון זײַן מויל האָט זיך כסדר געהערט אַ קורצער דערשטיקטער אָי.. אָי... — ער האָט געוואָלט אויפהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן אויף ראָזא׳ן, נאָר דאָס איז אים שווער געווען. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן. ראָזא האָט זיך צו אים אַראָפּגעבויגן און אים געפרעגט וואו עס זײַנען די אַנדערע? ער האָט נישט געקאָנט ענטפערן. דעם קאָפּ האָט ער צוויי מאָל באַוועגט, און ווידער האָט זיך געהערט דאָס שרעקלעכע אָי... אָי...

אין ראָזא׳ס אויגן זײַנען פאַרבליבן פאַרטריקנטע שטיקער בלוט אויף די ליפּן... — מיקיטע האָט פּויערשע גראָבע ליפּן — און דאָס פאַרטריקנטע בלוט איז געווען נאָך גרעבער, עס האָט צוגעדעקט דאָס גאַנצע מויל...

ראָזאַ'ן האָט געשווידערט אַן אייזיגע קעלט. זי האָט נאָך שטאַרקער ווי פֿריער געציטערט. אָבער צוביסלעך האָט עס פֿון זיך אַליין נאָכגעלאָזט, זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און זי איז אינגאַנצן פֿאַרשטאַרט געוואָרן אַזוי ווי ביינאַכט.

אין דער גרויסער שטוב אָבער איז אָנגעקומען אַלץ מער „לעבן". די אַגענטן און די אַגענטקעס האָבן זיך שוין ווידער אָנגעהויבן דרייען אַריין און אַרויס — ווי קוילערס אין אַ שעכט־הויז צווישן פּי... זיי זיינען געווען גוט אויפֿגעלייגט, זיי האָבן געטריבן ווילדע שפּאַסן און געשאָטן מיט די שרעקלעכסטע זידל־ווערטער. איינער איז אַלעמאָל אַריינגעקומען, געבליבן שטיין אין דער שטוב, ער האָט מיט פּרעכע מערדערישע אויגן אַרומגעקוקט איבער די זיצנדיגע שאָטנס, און ער האָט זיך צוגעפּייפֿט אַ לידל, אַ ציניש, מערדעריש לידל.

מען האָט שוין ווידער גערופֿן איינעם נאָכן אַנדערן. איינער נאָכן אַנדערן איז פֿאַרשוואונדן און מער נישט צוריקגעקומען. די גאַנצע צייט האָט מען שוין ווידער אַריינגעהערט דאָס טעמפּע, שווערע שרייען און קרעכצן. דער טאָג האָט זיך געשלעפּט פּאַוואָליע — ווי אַ לאַנגער, בלוטיגער זומף.

פֿאַרוואָס רופֿט מען נישט ראָזאַ'ן? לאָזט מען זי איבער אויף צו זיין די גאָר לעצטע? פֿאַרוואָס דאָס? ראָזאַ'ן פֿאַלט איין, אַז דאָס איז אַן אויס־גערעכנטער נקמה־אַקט פֿון טקאַטשוק'ן. דערפֿאַר וואָס זי איז אין דער באַן נישט איינגעגאַנגען אויף זיינע הינטישע שטיק. דערפֿאַר וויל ער זי לאָזן אויסמוטשען ביז צו די לעצטע כוחות. דערפֿאַר לאָזט ער זי זיין די לעצטע צום פֿאַרהער, כדי זי זאָל זיך צו אַלץ פֿריער גענוי צוקוקן, זי זאָל אַלץ זען און הערן. זאָל זי זיך אָנזאַפּן שוין פֿריער מיט גענוג פּיין, זאָל זי זען, ווי אַזוי דאָ ווערן געמאַכט מענטשן פֿאַר קאַליקעס צווישן יאָ־און־ניין, זאָל זי דורכלעבן די גאַנצע שרעקלעכע אינקוויזיציע פֿון אָנהויב ביזן סוף — און דערנאָך ערשט זאָל זי קומען צום פֿאַרהער... זאָל זי דערנאָך זיין אַ העלד... זי וועט זיין! אירע קליינע הענט ביילן זיך צונויף... זי וועט נישט ווערן אַן אַנדערע ווי זי איז. זי קאָן נישט ווערן קיין אַנדערע. זי קאָן נישט! — זי שרייט שיר נישט אויף, אירע אויגן שפּרינגען אַרויס, אין איר קאָפּ האַמערט עס מיט שווערע האַמערס שטאַרקער און שטאַרקער — — — דער קאָפּ פֿאַלט צו צו די הענט, און מיט פֿאַרשטאַרטע, קראַמפּיגע פֿינגער רייסט זי זיך אין די האָר...

— — — אַרום איר קאָפּ ברויזט אַ ווילדער שטורעם, ער רוישט איר אין די אויערן, צערייסט איר די קעמערלעך פֿון מוח — זי זעט זיך אַ נאַ־קעטע, אַ פֿאַרבלוטיגטע, אַ געשענדעטע, און אַלץ רייסט מען פֿון איר, צופּט מען, שניידט מען פֿון איר שטיקער פֿלייש — און פֿון דער לונג און פֿון די געדערים און פֿון האַרץ... און אַרום איר וואַלגערן זיך אין בלוט גאָלדמאַן און אָסיפּ און מיקיטע און יאַקאָב און לעווקע און אַלע פֿון דאָרף. און אַלץ ברײנגט מען צושלעפּן פֿרישע מענטשן אין שעכט־הויז אַריין — און מען שעכט און מען שעכט... די געשאָכטענע ליגן אַרום איר אין בלוטיגע קאַלוזשעס — אויפֿגעבלאָזענע, צעשניטענע, צע'הרג'עטע, שרעקלעכע קריפּ־לען איינער ווי דער אַנדערער — און דאָס קרעכצן איז שרעקלעך צו הערן...

און די מערדער, און די קוילער שטייען אויסגעשטעלט אַרום און אַרום און זיי לאַכן אַ גרילצנדיגן געלעכטער...

פּלוצים האָט ראָזאַ אַוועקגענומען די הענט פון קאָפּ, זי איז אויפגעשטאַנען און זי האָט געשריען:

— פאַרוואָס גיט מען נישט צו עסן? פאַרוואָס האַלט מען דאָ מענטשן גאַנצע טעג און מען גיט זיי נישט צו עסן?!

נאָר זי האָט באַלד אַליין געזען, אַז דער געשריי איז אַרויסגעקומען צוליב אירע שרעקלעכע וויזיעס. זי האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט ווי פאַרשעמט. — פון וועמען זי וויל פאָדערן מענטשלעכקייט?...

אָבער צו דערזעלבער מינוט זיינען צו איר דאָך צוגעגאַנגען צוויי פּאָליציאַנטן און האָבן זי געוואָלט באַרואיגן. די טיר האָט זיך געעפנט און זאַרעמבאַ איז אַריינגעקומען. ער האָט געפרעגט וואָס פאַר אַ געשריי דאָס איז געווען? מען האָט אים געזאָגט. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו ראָזאַ'ן און זי אָנגענומען ביי דער געמבקע. ער האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַ בייז שמייכעלע:

— ראָזיטשקאַ? דו האָסט געשריען? וואָס איז? דו ווערסט ווילד? וואַרט נאָך, דו האָסט נאָך צייט...

זיין בייז שמייכעלע האָט געשטאָכן מיט דינינקע שפּילקעס. ביז ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען. ראָזאַ האָט צוגעמאַכט די אויגן. זי איז געווען מיד, און אָמליבסטן האָט זי געוואָלט אַביסל דרעמלען. זי האָט זיך באַמיט וועגן גאָרנישט צו טראַכטן און זיך צו באַרואיגן.

דער לאַנגער בלוטיגער זומפּ פון טאָג האָט זיך נישט אויפגעהערט צו שלעפּן. די טעמפּע שווערע געשרייען האָבן נישט אויפגעהערט אַ גאַנצן טאָג. זיי זיינען געקומען פון די ווענט ווי ווייטע טויבע ווידער־קולות פון אָפּגעריסענע שטיקער לעבנס.

פאַרנאַכט האָט מען געבראַכט צופירן אַ נייע פּאַרטיע. עס איז דיזעלבע צייט ווי נעכטן, ווען מען האָט זיי געבראַכט, איז ראָזאַ'ן איינגעפאַלן. זי האָט געקוקט אויפן זייגער, נאָר דער זייגער איז געשטאַנען. זיי זיינען אָבער באַשטימט געקומען מיטן זעלבן צוג. דאָס וועט זיין אַ גרופּע אַרעסטירטע פון איר געגנט. אפשר וועט זי וועמען דערקענען? עס איז איר שווער געווען אויפצוהויבן דעם קאָפּ, זי האָט נישט געוואָלט קוקן די מענטשן אין פּנים אַריין. די מענטשן, וואָס ווייסן נאָך נישט ווי אַזוי דאָ גייט־צו... זי האָט זיי אָנגעקוקט. זי דערקענט נישט קיינעם פון זיי. לויטער שטאָטישע מענטשן און אַ סך פרויען... אַלע זיינען זיי געווען געקאָוועט, אויך די פרויען. דאָ האָט מען זיי צעקאָוועט און אויסגעשטעלט אַרום די ווענט — רעכטנס, דאָרט וואו מען האָט נעכטן די איריגע אַוועקגעשטעלט. די אַלטע זיינען אַוועק — נייע קומען צו. עס קומען טעגלעך צו פרישע קרבנות. עס זאָלן נישט אויספעלן קיין מענטשן פאַרן שעכט־הויז...

צווישן די, וואָס זיינען ערשט צוגעקומען, האָבן זיך אַרומגעדרייט און אַרומגעפּאָדעט פאַרשיידענע אַגענטן און אַגענטקעס, פריילעכע און אונטערפייפנדיגע. זיי האָבן באַטראַכט יעדן באַזונדער, געמאָסטן יעדן פון אויבן ביז אַראָפּ, און זיי האָבן נישט אויפגעהערט ציניש און עקלהאַפטיג צו שפּאַסעווען. טקאַטשוק, דער בּרייט־צעוואַקסענער מערדער, איז געשטאַנען

אין דער מיט שטוב, די הענט אויף הינטן, דעם שווערן פלומפּן פּאָרנט ווייט אַרויסגערוקט, ווי עס פּאַסט זיך פאַרן שעכט־מייסטער, צווישן די גראָבע עקלהאַפטיגע ליפּן אַ רויכערנדיגער ציגאַר. די שטיוול האָבן געגלאַנצט אַזוי שאַרף ווי די מערדערישע אויגן. דאָס שעכט־מייסטערישע פּנים איז מיט זיך געווען שטאַרק צופרידן: פרישע שטיקלעך...

און זאַרעמבאַ, דער צעלומפּטער, עלעגאַנטער מערדער, איז אַרומגעגאַנגען פון איינעם צום צווייטן מיט אַ צווייגל ווייַנטרויבן אין דער האַנט, און מיטן צווייגל וויינטרויבן האָט ער געציילט די קעפּ... דאָס וועלן זיין נייע הונדערטער אין דער קעשענע... זאַרעמבאַ האָט דאָס געטאָן „עלעגאַנט", ווי שטענדיג, אַ פיין שמייכעלע אויף די דינע ליפּן און אין די אויגן הינטער די ברייטע אויגן־גלעזער, אַ שאָקל מיטן צווייגל וויינטרויבן און אַ פאַרנויג מיטן יעשנדיגן קאָפּ — ווי ער זאָל פאַרבעטן יעדן באַזונדער צו אַ טאַנץ...

ראָזאַ האָט ביי דער געלעגנהייט אויפגעכאַפּט נאָך צוויי נעמען: מאַטושעוויטש און אַנגעלסקי (זיי וועלן צוניץ קומען...), צוויי טייערע נעמען פון צוויי טייערע מענטשן. מען האָט עס אויך דערקענט אויף זייערע פּנים'ער... אַנגעלסקי איז געווען אוניפאָרמירט ווי אַ „סטאַרשי פּאַסטערונקאָווע" (פּאָליציי־עלצטער), און מאַטושעוויטש איז געווען אַ ציוויל־אַגענט מיט אוניפאָרמירט פּנים ווי אַ ווילדע בעסטיע...

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, זיינען דאָס געווען אַ וואויל־צוגעפּאַסט „פּירלינג": זאַרעמבאַ, טקאַטשוק, מאַטושעוויטש, אַנגעלסקי... וואָס איינער האָט נישט פאַרענדיגט — האָט דער צווייטער פאָפּראַוועט. אויף אַלע פיר קאָן זיך פּילסודסקי פאַרלאָזן...

באַלד האָט זיך דער ווירבל ווידער געשטילט, און מען האָט פונסניי אָנגעהויבן אויסרופן נעמען — און זיי אַוועקפירן אין יענע באַזונדערע שטיבער. עס זיינען נאָך אַלץ פאַרבליבן מענטשן פון נעכטן, וועלכע זיינען נאָך נישט געווען ביים פאַרהער. אין דער גרויסער שטוב איז שטיל געוואָרן, און מען האָט ווידער אַריינגעהערט מורא'דיגע געשרייען. די אַרבעט גייט ווייטער.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אין שטוב האָט געברענט דער לאָמפּ. די פּאָליציי־וואַך איז אָפּגעלאָזט געוואָרן. די טיר האָט זיך געעפנט און מען האָט אויסגערופן ראָזאַ'ס נאָמען... טקאַטשוק האָט אויסגערופן:

— ראָזיטשקאַ, פייגעלע מיינס, וואו געפינסטו זיך?

ראָזאַ איז אויפגעשטאַנען. טקאַטשוק איז צוגעקומען נענטער און ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוועהרן. און ער האָט זי אַזוי אַריינגעפירט אין דער צווייטער שטוב. דאָרט לאָזט ער זי נאָך און הייסט זי גיין פאָראויס. ער עפנט איין טיר — זי גייט אַריין, אַ צווייטע טיר — זי גייט אַריין, דאָרט בלייבט טקאַטשוק שטיין. די שטוב איז פול מיט געשאָכטענע מענטשן. ראָזאַ בלייבט צוערשט שטיין ווי פאַרשטיינערט. אין אַ ווינקל זעט זי ליגן אָסיפּ זשוק'ן. ער ליגט דאָרט צונויפגעקאָרטשעט, דעם קאָפּ ביי די קני, און רירט זיך נישט. פון דער ווייטנס דאַכט זיך איר, אַז ס'באַוועגט זיך נישט מער זיין אָטעם. זי גייט צו צו אים, בלייבט ווידער שטיין, זי בויגט זיך אַראָפּ, רירט אים לייכט אָן — ער רירט זיך נישט. זי וויל אים אויפהויבן דעם קאָפּ — דער קאָפּ פאַלט צוריק אַראָפּ. זי בויגט

זיך טיפער, קוקט אים אין פּנים אַריין — נישטאָ קיין פּנים... זי האָט זיך שנעל אויסגעגלייכט, זיך אומגעדרייט צו טקאַטשוק'ן — ער איז געשטאַנען ביי דער טיר און מיט זיין צעוואַקסן מערדעריש פּנים ברייט געשמייכלט. ראָזאַ האָט אויסגעשריען:

— מערדער! נאַ, מאָרדעווע אויך מיך...

טקאַטשוק האָט זיך נאָך ברייטער צעלאַכט, גרילצנדיג אויפן קול. ער איז צוגעגאַנגען צו אַן אַנדער טיר און זי ווייט געעפנט:

— ביטע, פריילין, דאָרט וועלן מיר רעדן...

ראָזאַ איז אַריינגעגאַנגען אין יענער שטוב מיט פעסטע טריט. טקאַטשוק האָט הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר. זי איז געבליבן אַליין.

די ווענט זיינען געמאָלן מיט רויטע בלומען. אין איין ווינקל שטייט אַ טיש מיט רויטן טוך איבערגעדעקט. אין אַ צווייטן ווינקל שטייט אַ גרויסער עמער מיט ברודיג וואַסער. לעבן עמער ליגן נאַסע שמאַטעס. דאָרט שטייען אויך צוויי סיפּאָנען. אויף דער וואַנט, דאָרט וואו די באַנק, איז באַפעסטיגט אַ פּאָליצע. אויבן ליגן צוויי גומענע פּאַלקעס, עטלעכע דינע ריטלעך, צוויי ספּרונזשינע-שטעקעלעך — און נאָך אַנדערע זאַכן.

ראָזאַ קוקט זיך אום, זי איז אַליין אין שטוב. די פאַרמאַכטע טיר איז אויסגעבעט מיט גראָבע קאָצן. צוויי פענצטער זיינען פאַרמאַכט מיט לאָדנס, און דאָס גלייכן מיט קאָצן אויסגעבעט. הויך אויפן באַלקן ברענט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל. „וואו בין איך?" זי קוקט זיך נאָכאַמאָל אום. אויף צוויי געגנאיבערדיגע ווענט הייגען בילדער פון פּילסודסקי'ן און פון פּרעזידענט מאָשטשיצקי'ן. אויף דער מיטלסטער וואַנט הייגט אַ ווייס שילדל, מיט רויטער אויפשריפט:

“Bujac’ to my a nie nas!”

(מעשות דערציילן קאָנען מיר בעסער...)

נאָכאַמאָל פרעגט זיך ראָזאַ: „וואו בין איך?" אירע פיס ציטערן, זי קאָן קוים איינשטיין. איצט וועלן זיי שלאָגן, איצט וועלן זיי מוטשען, זיי וועלן אָנשטעקן מיט סיפילים... און וואָס וועט זיין מיטן קינד? ס'וועט געבוירן ווערן אַ סיפיליטיש קינד... איר דאַכט זיך אויס, אַז זי באַקומט פלוצים קרעמפּן, און זיי ווערן אַלץ שטאַרקער, זיי צערייסן איר דעם בויך — אין קאָפּ הויבט עס ווידער אָן צו האַמערן, נאָך פיל שטאַרקער ווי בייטאָג. די מוח-קעמערלעך צעשפּרינגען... זי פּרואווט זיך צו האַלטן, זי רעדט זיך אַליין צו: „נאָר נישט זיין שוואַך!" פלוצים דערזעט זי אויף דער פּאָדלאָגע בלוט. טראָפּנס, שנירלעך, גאַנצע לאַכעס... איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע, אומעטום.דיזעלבע בלוט-צייכנס. זי בויגט זיך אַראָפּ, טאַפּט אָן דאָס בלוט מיט פינגער — נאָך פייכט... זי גייט צו צו דער באַנק, זי בויגט זיך ווידער אַראָפּ — דאָס בלוט איז שוין פאַרטריקנט... וועמעס בלוט איז דאָס? וועמעס איז עס? גאָלדמאַנ'ס? אָסיפּ'ס? יאַקאָב'ס? מיקיטע'ס? לעווקע'ס? וועמעס איז דאָס בלוט? וועמעס — — —

ראָזאַ זעצט זיך אויף דער באַנק. זי קאָן נישט מער שטיין. די הענט נאָכגעלאָזט, דער קאָפּ אַראָפּגעפאַלן, די אויגן איינגעגעסן אין דער פאַרטרוקנטער לאַכע בלוט.. „דאָ איז אַ שעכט-הויז. דאָ שעכט מען מענטשן. און איך וואַרט אויפן שוחט..." זי שפּרינגט פלוצים אויף, כאַפּט זיך אָן

מיט די הענט פאַר די האָר, לויפט איבער דער שטוב און רעוועט מיט אַ פאַרצווייפלט כאָרכלען...

באַלד בלייבט זי ווידער שטיין, און באַרואיגט זיך: „ראָזאַ, דו ביסט דאָך נישט אַזאַ... ראָזאַ — — — ”

זיי קומען אַריין... טקאַטשוק דער ערשטער, זאַרעמבאַ דער צווייטער — הינטער זיי שלעפּט מען גאָלדמאַנ׳ען... מאַטושעוויטש און אַנגעלסקי שלעפּן אים. יאָ — עס איז גאָלדמאַן. זי דערקענט אים אָן די קליידער. זי ציטערט נישט מער. איצט קוקט זי אים גוט אָן. אַזוי האָבן זיי אים צורעכט געמאַכט?... שטיין קאָן ער נישט. די צוויי אַגענטן האַלטן אים אונטער די אָרעמס, און ער הייגנט אַראָפּ ווי אַ ליידיגער זאַק. דאָס פּנים הייגנט אויך אַראָפּ. מען זעט עס נישט. נאָר דעם שטערן זעט מען — אויפגעשוואָלענע רויטע און בלויע באַלן. און דער אַראָפּהייגנענדיגער קאָפּ איז פול מיט ליידיגע פלעקן פון די אויסגעצופּטע האָר...

טקאַטשוק זאָגט:

— אָט קוק אים דיר אָן. דאָס איז דיין „חבר”. אַזוי זעט ער אויס. איצט געפעלט ער דיר? נאָר דו אַליין וועסט אויך באַלד אַזוי אויסזען.

זאַרעמבאַ פרעגט ראָזאַ׳ן, צי זי וועט באַשטעטיגן וואָס איר „חבר” וועט זאָגן? זי ענטפערט נישט. וואָס ווייסט זי אויף דעם צו ענטפערן? מאַטושעוויטש און אַנגעלסקי לאָזן אַרויס גאָלדמאַנ׳ען פון די הענט. ער פאַלט אויף דער ערד, שווער, טעמפּ, ווי אַ טויטע זאַך — און בלייבט ליגן אָן אַ ריר...

ראָזאַ ווערט ביי זיך נאָך פעסטער. זי אַליין וואונדערט זיך דערויף. איר גלוסט זיך צו זאָגן די אַגענטן עפּעס אַ שטאַרק באַליידיגנדיג וואָרט, נאָר ווען זי וואַרפט אַ בליק אויף זייערע פּנים׳ער, זאָגט זי צו זיך אַליין אינדערשטיל: בלוטהינט! וואָס קאָן איך דען נאָך באַליידיגן? — און זי שווייגט.

— נאַ? — רופט זיך אָן זאַרעמבאַ. — דאָס גנעדיגע פרייליין וועט זיך אפשר באַמיען צו ענטפערן?

— איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. — זאָגט ראָזאַ.

און טקאַטשוק באַפעלט די צוויי:

— הויבט אים אויף. ער וועט איר שוין זאָגן אויף וואָס זי האָט צו ענטפערן, איר „חבר”.

די צוויי הויבן גאָלדמאַנ׳ען ווידער אויף. ער הייגנט אַראָפּ פון זייערע הענט, פונקט ווי פריער, ווי אַ ליידיגער זאַק. ראָזאַ׳ן דאַכט זיך, אַז ער לעבט נישט מער. טקאַטשוק לייענט פאָר אַ לאַנגן פּראָטאָקאָל, דערנאָך פרעגט ער גאָלדמאַנ׳ען צי ס׳שטימט? גאָלדמאַנ׳ס קאָפּ גיט זיך אַ וואַקל אויף יאָ... ראָזאַ דערשרעקט זיך — גלייך אַ טויטער וואָלט זיך גערירט. טקאַטשוק גייט צו איר צו מיטן פּראָטאָקאָל, ער הייסט איר אונטערשרייבן. זי וויל דאָס נישט טאָן. שרייט ער זי אָן:

— דיין „חבר” האָט אונטערגעשריבן און דו ווילסט נישט?

אויף דעם ענטפערט אים ראָזאַ געלאַסן:

— איך קאָן אַזאַ פּראָטאָקאָל נישט אונטערשרייבן, ווייל ער איז פאַלש. עס איז נישט אמת, אַז איך זאָל ווען האָבן אויסגעפירט אַזעלכע זאַכן, ווי

איר ווארפט מיר דאָ פּאָר. און איך האָב אויך נישט קיין אָנטייל גענומען אין פּינסק אין גאָר קיין איינציגער קאָנפערענץ. איך בין אין פּינסק נאָך קיינמאָל נישט געווען.

ווידער שרייט טקאטשוק:

— דיינע לאַנגע דרשות דארפן מיר אויף כּפּרות! דו האָסט אונטערגע־שריבן און פאַרטיג!

— ניין, איך וועל נישט אונטערשרייבן. — זאָגט ראָזא גאַנץ קאַטע־גאָריש.

טקאַטשוק ווייזט די אַנדערע צוויי אַגענטן מיט דער האַנט. זארעמבא האַלט זיי צוריק. ער פרעגט גאָלדמאַנ'ען, צי ראָזא איז געווען אין פּינסק? גאָלדמאַן ענטפערט נישט. ער פרעגט אים נאָכאַמאָל. גאָלדמאַן ענטפערט ווידער נישט. גייט זארעמבא צו אים צו און כאַפּט אים אָן ביי א גאָרשטש האָר, אַזוי הויבט ער אים אויף דעם קאָפּ. ראָזא זעט זיין פּנים — א שטיק רוי, צעיוירן, אויפגעשוואָלן פלייש — און צוויי טיפע קליינע גריבלעך, אין וועלכע עס זיינען פאַרקראָכן די אויסגעלאָשענע מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן... אַלץ איז טויט ביי דעם מענטש, נאָר די פּיצלעך אויגן לעבן נאָך... זארעמבא קוקט אריין שאַרף אין די פּיצלעך אויגן, און ער פרעגט אים הויך, שניידנדיג:

— זי, די ראָזיטשקע, דיין „חבר'טע", איז מיט דיר געווען אין פּינסק אויף דער קאָנפערענץ, אָדער נישט?

די מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן אין די טיפע גריבעלעך קוקן ווי לעבע־דיגע, נאָר זיי רירן זיך נישט און ענטפערן נישט.

זארעמבא לאָזט נאָך זיין קאָפּ און טוט א געשריי: „צו דער וואַנט!" מאַטושעוויטש און אַנגעלסקי שלעפּן גאָלדמאַנ'ען צו דער וואַנט. זיי כאַפּן אים אָן ביי די הענט און ווארפן אים אהין־און־צוריק, ווי אויף א שטריק. יעדעס מאָל גיט דער גאַנצער קערפּער צוזאַמען מיטן קאָפּ א טראַך אין דער וואַנט... די וואַנט קלינגט אָפּ. זארעמבא ציילט אוים פינף מאָל, דערנאָך ווייזט ער מיט א פינגער, און זיי הערן אויף. ראָזא באַמערקט, דאָרט וואו דער קאָפּ האָט זיך אָנגעשלאָגן עטלעכע פרישע טראָפּנס בלוט...

זארעמבא גייט צו צו גאָלדמאַנ'ען, ער פרעגט אים:

— זי, דיין „חבר'טע", איז געווען אין פּינסק אויף דער קאָנפערענץ, אָדער נישט?

גאָלדמאַנ'ס אראָפּהייענגענדיגער קאָפּ גיט זיך א וואַקל אויף יאָ...

ראָזא פאַרבייסט די ליפּן. טקאַטשוק פרעגט זי:

און איצט, פריילין, וועסטו אונטערשרייבן?

— ניין, איך וועל נישט אונטערשרייבן, — ענטפערט ראָזא האַרט און קאַטעגאָריש ווי פריער.

זארעמבא שפּרינגט צו איר צו:

— דו... און פאַרוואָס האָט ער אונטערגעשריבן?

—ווייל ער וויל לעבן...

— און דו ווילסט נישט לעבן?

— איך וויל לעבן, נאָר איך וועל נישט אונטערשרייבן קיין פּראָטאָקאָל, וואָס שטימט נישט מיטן אמת.

— נו, וועסט שוין יאָ אונטערשרייבן! דו הינטישע טאָכטער...

אויף אַ וואונק שלעפּט מען גאָלדמאַנ'ען צוריק אַרויס. אויפן וועג גיט מען אים עטלעכע קאָפּעס מיט די שטיוול, און מאַטושעוויטש מיט אַנגעל־סקי'ן קומען צוריק אַריין.

אין ראָזאַ'ס מוח לויפן די געדאַנקען שנעל. איין געדאַנק יאָגט נאָך דעם אַנדערן און אַנטלויפט, אַ נייער קומט. און נאָך איז דער נייער געדאַנק נישט דערטראַכט צום סוף, קומט ווידער צוריק דער אַלטער, און דעם אַלטן פאַרטרייבט שוין ווידער אַ נייער געדאַנק... אַלץ אין איר מוח דרייט זיך אַרום ווייטאָג, בלוט, שענדונג, אַרום די אַלע הונדערטער און טויזנטער פּייניקונגען פון מאָרד... זי באַמיט זיך מיט איר גאַנצער אָנשטרענגונג די אַלע געדאַנקען צו פאַרטרייבן — עס געלינגט איר נישט.

— טו אויס דיין קלייד! — שרייט פּלוצים טקאַטשוק, און ער קוקט אין איר אַריין מיט זיינע ווילדע אויגן. זי ענטפערט נישט. עטלעכע מינוט נעמט פון איר טקאַטשוק זיינע אויגן נישט אַוועק. זאַרעמבאַ מישט זיך אַריין.

— וואַרט, — זאָגט ער, — זאָל מען איר נאָכאַמאָל לייענען דעם פּראָ־טאָקאָל. אפשר האָט זי פריער נישט גוט געהערט? — און ער נעמט ביי טקאַטשוק'ן אַרויס דעם פּראָטאָקאָל און גיט אים אַנגעלסקי'ן. — נאַ, לייען איר פאָר. אפשר וועט זי דיך בעסער פאַרשטיין, — זאָגט ער צו אים.

אַנגעלסקי האָט אַ מאָדנע משונה'דיק פּנים, וואָס מען קאָן עס נישט אַנדערש פאַרגלייכן ווי נאָר צום פּנים פון אַ ווילדער מאַלפּע. די אויגן זיינע זיינען טיף אַריינגעגראָבן הינטער זיין קליינעם שטערן. די ברעמען זיינען לאַנגע און געדיכטע ווי ביי אַ וואָלף. דאָס גאַנצע פּנים איז קליין און גראָב־פליישיק און שרעקלעך ווילד. עס דאַכט זיך, אַז דאָס פּנים האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין מענטש פאַר זיך. ווען ער האָט געלייענט דעם פּראָטאָקאָל, האָט ער יעדעס וואָרט אַרויסגעברומט ווי אַ חיה. און ווען ער האָט פאַר־ענדיקט דאָס לייענען, האָט ער געהירזשעט ווילד און נאַריש ווי אַ פערד.

ראָזאַ האָט נישט געהערט וואָס מען האָט פאַר איר געלייענט, זי האָט באַטראַכט אַנגעלסקי'ס שרעקלעכן פּנים.

— איצט האָסטו בעסער פאַרשטאַנען? — האָט זי געפרעגט טקאַטשוק,

— שרייב אונטער און האַלט נישט אויף!

ער האָט איר געשטופּט אַ פעדער אין דער האַנט אַריין.

ראָזאַ האָט געזאָגט:

— איך וועל נישט אונטערשרייבן.

זאַרעמבאַ האָט אויפגעטופּעט מיט אַ פוס:

— דו... מיר וועלן פון דיר שינדן די הויט! דו וועסט פּגר'ן און וועסט אונטערשרייבן... וואַרט נאָר, דו... אַ... איז געווען דיין מאַמע, ווען זי האָט דיך נאָך געהאַט אין בויך...

ער איז אַרויסגעגאַנגען. מאַטושעוויטש'ן און אַנגעלסקי'ן האָט ער מיט זיך מיטגערופן. איצט וועט זיך אָנהייבן די אינקוויזיציע — האָט זיך ראָזאַ געטראַכט. און אין דער שנעלקייט האָט דער מוח ווידער אָנגעהויבן צו מאָלן אַלע פאָרמען פון דער אינקוויזיציע. „ניין, איך וועל נישט נאָכגעבן. איך וועל נישט פאַרראַטן קיין חברים!” זי האָט פעסט צונויפגעביסן די ציין

טקאַטשוק האָט זיך אָנגעצונדן אַ ציגאַר. זיין ברייט צעוואַקסן פּנים האָט צופרידן געשמייכלט. זיינע אויגן האָבן ווילד געגלאַנצט.

— דו האָסט איצט נאָכגעקלערט, צי עס וועט דיר געלינגען צו בלייבן אַ העלד... דו מיינסט, איך ווייס נישט? איך ווייס, דו וואָלסט זייער געוואָלט בלייבן אַ גרויסער העלד! עס וואָלט דיר זייער געפּאַסט, אַז מען זאָל דיר נאָכווייזן מיט די פינגער: אָט איז זי, ראָזאַ צימערמאַן, זי האָט ביי „זיי" אויסגעהאַלטן! ביי אונז וועסטו אָבער נישט אויסהאַלטן, פייגעלע... ביי אונז האָבן שוין שטאַרקערע נאָכגעגעבן...

און ער איז צו איר צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט, דאָס צעשפּרייטע שרעקלעכע פּנים האָט זיך ברייט צעלאַכט, און ער האָט אין איר אַריינגעבלאָזן דעם רויך פונם ציגאַר.

נאָך עטלעכע מינוט האָט זיך ווידער די טיר געעפנט און עס זיינען אַריינגעקומען די דריי הענקער. זיי האָבן געפירט מיט זיך יאַקאָב קוזמיטש'ן. הינטער זיי האָט זיך נאָכגעשיט אַ גאַנצע כמאַרע מיט אַגענטן. זאַרעמבאַ הייסט ראָזאַ'ן זיך גוט צוקוקן ווי אַזוי איר „פריינט" זעט אויס, ווייל אין אַ צוויי שעה אַרום וועט זי אויך אַזוי אויסזען, אָדער נאָך בעסער...

— אייי... אייייי... לאָזט מיך צו צו איר, וועל איך זי... און איך וועל זי אַביסעלע אָנשטעקן מיט מיין סיפילים... וועט זי האָבן אָן אָנדיינק, אַז זי איז געווען אַ קאָמוניסטקע... אייי... — און ער האָט נישט אויפגעהערט צו ריטשען. דאָס איז געווען שרעקלעך בלויז צוצוהערן...

זאַרעמבאַ האָט אים אָפּגעשטויסן:

— ניין, דו! טראָג דיך אָפּ. דאָס מוז גיין לויט אַ פּראָגראַם... ס'זיינען דאָ אפשר אַנדערע פאַר דיר? אָדער נישט? דו האָסט צייט צו קומען דער לעצטער — ווען זי האָט שוין גענוג...

ראָזאַ'ן האָט געטומלט אין קאָפּ.

זי האָט געפילט, אַז יעדע רגע פאַרלירט זי פולקאָם דאָס לעצטע באַוואוסטזיין און דאָס, וואָס ס'האָט זיך אין די ווייטערדיגע פאָר מינוט אַרום איר אָפּגעטאָן, האָט זי שוין קוים געהערט. מען האָט איר אויפן אָרט צוגעבונדן די אויגן, צוויי מענטשן האָבן זי אַ אכפּ געטאָן און זי אַרויפגעלייגט אויף דער באַנק. טקאַטשוק האָט געהייסן איר צובינדן די פיס — יעדן פוס באַזונדער, און אַזוי אויך די הענט. זי האָט געהערט, ווי עטלעכע אַגענטן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב. זאַרעמבאַ האָט געהייסן אויך די אַנדערע אַרויסגיין. דערנאָך האָט זי געפילט זיינע הענט איבער איר קערפּער — עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז עקלדיגע ווערים קריכן איבער איר, אַז זי ליגט אין אַ מיאוס'ן בלאָטיגן זומפּ — דערנאָך האָט זי זאַרעמבאַ פאַרגוואַלטיגט — און פון דער מינוט אָן געדיינקט זי גאָרנישט מער. זי איז געווען אָן באַוואוסטזיין.

ווען זי איז ווידער געקומען צו זיך, איז זי שוין געזעסן, און זי איז געווען אינגאַנצן נאַס. זיכער האָט מען זי באַגאָסן מיט וואַסער, כדי זי זאָל זיך דערכאַפּן. נאָר ווי לאַנג זי איז געווען אָן באַוואוסטזיין, ווייסט זי נישט. זי האָט געזען שטיין אַרום איר די פיר באַקאַנטע מערדער ברידער, און דער קליינטשקער אַגענט מיט די קרום-צעדרייטע פיס...

— נו, איצט איז דיר לייכטער? — האָט טקאַטשוק זי ציניש געפרעגט.

און ער האָט צוגעגעבן: — זעסט, ווי ער פרייט זיך, דער קליינער? אים איז אויך לייכטער...

— לאָז אָפּ, איצט וועט זי שוין אונטערשרייבן, — האָט זארעמבא געזאָגט:

טראַציג און פארביסן האָט ראָזא געענטפערט:

— איך וועל נישט אונטערשרייבן. איר קאָנט ווייטער מאָרדן...

זי האָט זיך אַליין געוואונדערט איבער איר דרייסט קול. אָבער דאָס האָט איר גוט געטאָן. זי האָט זיך דערנאָך געפילט לייכט און מוטיג.

— איך וועל אויסהאַלטן!

— אויף דער באַנק מיט איר!

דאָס איז געווען זארעמבאַ'ס קאָמאַנדע. זי איז געלעגן אויף דער באַנק מיטן פנים אַראָפּ. מען האָט זי געבונדן.

זי האָט געפילט, אַז מען וואַרפט איבער איר נאַסע שמאַטעס — באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שלאָגן. צוויי גומענע פאַלקעס האָבן געדראָשן איר קערפּער אין טאַקט. איין פאַלקע אַרויף — אַ צווייטע אַראָפּ... ראָזא האָט אַלץ שטאַרקער אַריינגעביסן אין די ליפּן. עס איז איר געוואָרן שטאַרק דושנע — צום דערשטיקן. די קלעפּ פון די גומענע פאַלקעס האָבן דורך דער נאַסער שמאַטע אַזוי שרעקלעך צעפייערט איר פּליצע, אַז עס איז פאַרגעקומען, מען ניסט אויף איר בריענדיג וואַסער. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ היבש שטיקל צייט. זי האָט זיך אַליין געוואונדערט, ווי אַזוי זי קאָן דאָס אויסהאַלטן. פון איר מויל האָט זיך נישט געהערט קיין איינציגער געשריי...

זארעמבא האָט באַפוילן, מען זאָל אויפהערן צו שלאָגן. מען האָט זי אויפגעבונדן און אויפגעזעצט. זי האָט שווער און שנעל געאָטעמט. דער קערפּער האָט געגליט ווי פייערדיגע קוילן. זי האָט זיך באַמיט נישט אַרויסצו־ווייזן דעם ווייטאָג. טקאַטשוק האָט איר געפּאַכעט מיט דער פאַלקע צווישן די אויגן. ער האָט געצעשעט צווישן די ציין:

— דו קאָמוניסטישע שלאַנג... לאַנג וועסטו נישט בלייבן ביי אונז אייגעשפּאַרט. וואַרט! דו... ס'וועט זיך דיר שוין פאַרגלוסטן דיינע... שטיק!

און זארעמבא האָט געזאָגט.

— אַ גאַנצע נאַכט וועט זי שטיין דאָרט ביי דער וואַנט אַ נאַקעטע, און יעדעס מאָל וועט אַריינקומען אַן אַנדערער אָנקוקן די... קאָמוניסטקע מיטן... געשוואָלענעם בוים. שטעלט זי אַהין צו דער וואַנט.

(זיינע עקלדיגע זידלערייען זיינען אוממעגלעך צו איבערגעבן. דאָס גלייכן פון טקאַטשוק'ן. דאָס גלייכן פון אַלע אַגענטן. די זידלערייען האָבן איבערהויפּט נישט אויפגעהערט).

מאַטושעוויטש איז הינטיש צוגעשפּרונגען צו ראָזא'ן, און ער האָט זי צוגעפירט צו דער וואַנט. אירע צעביסענע ליפּן האָבן צום ערשטן מאָל גע־שמייכלט. די פיר מערדער־ברידער זיינען אַרויסגעגאַנגען. ביי דער טיר אינע־ווייניג איז געבליבן שטיין דער קליינטשיקער מיט די קרומע פיס און מיט דעם העסלעכן פּנים. און ווען די טיר האָט זיך דערנאָך כסדר געעפנט, און יעדעס מאָל איז אַריינגעקומען אַן אַנדער הונט „אַ קוק טאָן", האָט די קליינע זאַראַזע מיט דעם שרעקלעך־קוויטשעדיגן קול אַרויסגעקוויטשעט:

— דאָרט שטייט זי, די קאָמוניסטקע מיטן געשוואָלענעם בויך. איך האָב זי אָבער — — —

ראָזא איז געווען שוואַך. דעם צווייטן טאָג גאָרנישט געגעסן, די דריטע נאַכט שוין וואָס זי שלאָפט נישט. די כסדר'דיקע שרעק, דאָס בילד פון די צעמאַסאַקרעווטע חברים, און דאָס, וואָס זי האָט שוין אַליין באַקומען — און דאָס, וואָס אויף איר וואַרט נאָך ... ניין, זי איז נישט געווען שוואַך. ווען זי האָט געקאָנט אויסהאַלטן דאָס שרעקלעכע שטיין דאָרט ביי דער וואַנט אפשר איבער אַ שעה לאַנג, איז זי נישט געווען שוואַך. עס זיינען פאַראַן מאָמענטן אין לעבן, ווען דער כוח און די שוואַכקייט פון אַ מענטש קאָנען נישט געמאָסטן ווערן מיט דער גלייכער מאָס, ווי אין נאָרמאַלע צייטן.

ראָזא האָט נישט געהערט, וואָס די מיאוס'ע זאַראַזע דאָרט ביי דער טיר האָט כסדר אַרויסגעקוויטשעט. זי איז געשטאַנען נאַקעט, און איר איז נישט געווען קאַלט. איר פּלייצע האָט געבראָטן; דורכן מוח האָט זיך גע־טריבן דאָס שווידערלעכע געפיל פון פאַרגוואַלדיגונג, וואָס האָט געצופּט ביי יעדן נערוו ווי מיט אַ צעגליט ביים־צוואַנגל; די לעצטע באַגעגעניש מיט גאַלדמאַנ'ען, מיט יאַקאָב'ן, מיט אָסיפּ'ן זיינען פון די אויגן נישט אָפּגע־טראָטן — זי האָט פאַרקוועטשט די פויסטן, צעביסן די ליפּן, און זי האָט אויסגעהאַלטן.

ראָזא איז געווען גייסטיג שטאַרק. אַנדערש וואָלט זי זיך אַזוי העלדיש נישט געקאָנט האַלטן.

טקאַטשוק איז ווידער אַריינגעקומען מיט מאַטושעוויטש'ן און מיט אַנגעל־סקי'ן. ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז שוין נאָך צוועלף דער זייגער, און ס'איז נישטאָ קיין צייט זיך צו שפּילן מיט אַזאַ פאַרכיוואַטער...

— אַך, וואָס! מען וועט זיך מיט איר מער צאַצקען ווי מיט אַנדערע?

— האָט ער אויסגערופן. — עס וואַרטן נאָך גאַנצע הונדערט־זיבן שטיק אויף פאַרהער. מאַכט אַן עק מיט דער...!

זי איז ווידער געלעגן אויף דער באַנק געבונדן. אַנגעלסקי האָט מיט אַ סיפאָן אַריינגעשפּריצט דורך אירע נאָזלעכער עפּעס אַ שטינקענדיג אויס־געמישעכץ. מען האָט זי צוגעהאַלטן ביים קאָפּ, זי זאָל זיך נישט וואָרפן, און דאָס שטינקעכץ האָט זיך געגאָסן דורכן האַלז און אָנגעפילט דעם בויך... זי האָט כמעט אויפגעהערט צו אָטעמען, מיט יעדער רגע איז איר ערגער געוואָרן, און זי האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם באַוואוסטזיין. די הענקער, ווייזט אויס, האָבן אויך דערקענט, אַז עס זיינען די לעצטע רגע'ס, ווייל זיי האָבן באַלד אָפּגעשטעלט די „איינשפּריצונג". און איינער האָט זי אָנגענומען פאַרן קאָפּ און מיט איר שטאַרק געשאָקלט. דאָס עקלדיגע שטינ־קעכץ האָט זיך אַרויסגעגאָסן דערנאָך פון דער נאָז און פונ'ם מויל...

טקאַטשוק האָט זי געפרעגט, צי זי וועט שוין איצט אונטערשרייבן?

ראָזא האָט אים פאַרביסן געענטפערט: ניין.

—עס וועט אייך נישט העלפן גאָרנישט, — האָט זי דערנאָך געזאָגט, ווען טקאַטשוק האָט איר נאָכאַמאָל געפּרואווט צורעדן. — מיט אייערע פּייניגונגען וועט איר מיך נישט מיד מאַכן. איר מעגט מיך אפילו שוין דער'הרג'ענען.

— ניין, — האָט טקאַטשוק אויף דעם געענטפערט, — מיר וועלן דיך נישט דער׳הרג׳ענען. מיר וועלן דיר נאָר געבן צו שמעקן דעם טויט...

ער האָט נישט געזאָגט קיין ליגן. פון דער פּאָליצקע האָט ער אַראָפּגענומען אַ לאַנגע שפּילקע מיט אַ פלעשל שפּיריטוס. די שפּילקע האָט ער איינגעטונקען אין שפּיריטוס — און ער האָט מיט איר געשטאָכן אין די וואָרצלען פון ראָזאַ׳ס ברוסטן... צוערשט פּאַמעלעך, אַ שטאָך, אַ קוק אויף איר, און ווידער אַ שטאָך. דערנאָך אַלץ שנעלער, אָן אויפהער — אַביסל אין דער לינקער ברוסט, אַביסל אין דער רעכטער ברוסט... און זיינע טיוולאָניש-לאַכנדיגע אויגן האָבן פון איר נישט אַראָפּגענומען קיין בליק. זי האָט איינמאָל שטאַרק אויפגעשריען, און זי איז געפאַלן אין חלשות.

ווען זי איז דערמינטערט געוואָרן, איז זי געזעסן אויף דער באַנק. מען האָט זי געלאָזט אַביסל אָפּרוען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען זי אויפגעשטעלט און מען האָט זי צוגעפירט צו דער טיר. דאָרט האָט מען איר גענומען קוועטשן די פינגער צווישן דער טיר און דער פוטריקע... מאַטושעוויטש און אַנגעלסקי האָבן זי געהאַלטן — און טקאַטשוק האָט באַוועגט די טיר. אַ פינגער נאָך אַ פינגער האָט מען אַריינגעשטעקט צווישן טיר און פוטרינע. טקאַטשוק האָט אויפגעמאַכט און צוגעמאַכט די טיר, און געקוקט אויף ראָזאַ׳ן וואָס זי זאָגט דערצו... ראָזאַ האָט די ערשטע עטלעכע מינוטן אויסגעהאַלטן, כאָטש דער שמערץ איז געווען אַ שרעקלעכער. זי האָט זיך צעביסן די ליפּן — און געשוויגן. אָבער באַלד איז געשען עפּעס, אויף וואָס די הענקער האָבן זיך אַליין נישט גערעכנט. דער גראָבער פינגער פון דער לינקער האַנט איז געווען אין קלעם — פּלוצים האָט דער ביין געגעבן אַ קנאַק — מען האָט שנעל אַרויסגענומען דעם פינגער — ראָזאַ האָט נאָך געזען דעם איבערגעבראָכענעם ביין און באַלד איז זי באַוואוסטלאָז געוואָרן...

נאָר דאָס איז נישט געווען קיין גרויסע שטערונג... מען האָט זי דערמינטערט מיט וואַסער, דעם פינגער האָט מען פאַרבאַנדאַזשירט און זי איז שוין ווידער געלעגן אויף דער באַנק. צוערשט האָט מען זי געקאַטעוועט מיט דינע ריטלעך איבערן גאַנצן לייב. דערנאָך האָט מען זי ווידער צוגעדעקט מיט נאַסע שמאַטעס און מען האָט זי געשלאָגן מיט גומענע פּאַלקעס. פריער האָט מען צומיינסטנס געשלאָגן איבער דער פּלייצע, איצט האָבן זיי זיך מער פאַרלייגט אויף די זייטן — דאָס האָט שטאַרקער וויי געטאָן. לענגער האָט ראָזאַ נישט אויסגעהאַלטן אין איר עקשנות, זי האָט אָנגעהויבן שרייען. די מערדער האָבן זיך דערפרייט: „איצט טוט שוין וויי? האַ? עס בייסט שוין?...” — האָבן זיי זיך מיט איר נאָך געוויצלט. זי האָט געשריען מיט אַלע כוחות. זיי האָבן נאָך שטאַרקער געשלאָגן אין די זייטן. דערנאָך איז איר סול אַלץ שוואַכער געוואָרן. זי האָט געפילט, אַז אינעווייווייניג אין איר ברוסט רייסט זיך עפּעס אָפּ... זי האָט שוין גאָר שטיל געהעשעט — איינער פון די מערדער האָט דעמאָלט גענומען ביי איר די האַנט, און זי האָט געהערט ווי ער זאָגט, אַז דער פּולס איז זייער שוואַך. אויף דעם האָט מען זי אָפּגעלאָזט. אַלע זיינען אַרויסגעגאַנגען. זי איז געבליבן אַליין אויף דער באַנק אַ געבונדענע. איר מוח איז געווען פאַרטומלט, עס איז איר געווען שווער צו אָטעמען, זי איז געווען האַלב באַוואוסטלאָז. נאָר דאָס געפיל האָט זי נישט אָפּגעלאָזט, אַז אָט באַלד וועט זיך עפּעס אָפּרייסן אין איר ברוסקאַסטן...

זי האָט שטיל אין זיך אַריינגעהעשעט, און צעביסלעך איז איר בעסער געוואָרן. אין דערזעלבער צייט האָט זי אַריינגעהערט טעמפּע געשרייען פון די אַנדערע שטיבער...

זי האָט אָנגעהויבן אַלץ שטאַרקער צו פילן דעם שרעקלעכן ווייטאָג פון קערפּער. דער גאַנצער קערפּער האָט אַזוי שטאַרק געפייערט, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו אונטערשיידן, אויף וועלכע ערטער זיי האָבן צו־מיינסט געשלאָגן, וואו עס טוט איר מער ווי און וואו וויניגער. יעדעס שטיקל הויט האָט אַזוי שרעקלעך געבראָטן, אַז זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, עס איז נישטאָ ביי איר קיין פּיצל אָרט, וואו מען האָט זי נישט געשלאָגן. עס איז געווען אַ גרויזאַמער שמערץ.

ראָזא'ן באַפאַלט איצט אַ געדאַנק, אַז ווען זי זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט צו זעלבסטמאָרד, וואָלט זי עס געטאָן... מער קאָן זי נישט פאַרטראָגן...

די מורא'דיגע טעמפּע געשרייען פון די אַנדערע שטיבער האָבן אויפ־געהערט. ווידער זיינען צו איר אַריינגעקומען די פריערדיגע דריי מערדער־ברידער. טקאַטשוק האָט געביסן שאָקאָלאַד, די אַנדערע צוויי האָבן געגרוי־בערט. טקאַטשוק האָט זי געפרעגט, צי זי וועט אונטערשרייבן? ראָזא האָט נישט געענטפערט. מען האָט זי ווידער איבערגעדעקט מיט נאַסע שמאַטעס, און מען האָט ווידער געשלאָגן מיט גומענע פאַלקעס. ווי לאַנג מ'האָט זי געשלאָגן געדיינקט זי נישט. ווען זי איז צו זיך געקומען, איז זי געלעגן אין אַ טונקעלער שטוב.

איר דאַכט זיך, אַז עמיצער שטייט לעבן איר און שטעכט זי מיט אַ שפּילקע איבערן גאַנצן לייב. זי וואונדערט זיך נאָר, פאַרוואָס מען האָט איר די אויגן נישט אויסגעשטאָכן... און אינעווייניג, אין איר, איז אויך אַזוי ווי אימיצער וואָלט דאָרט געווען, און הערט דאָרט נישט אויף צו רייסן שטי־קער... אַ שטיק נאָך אַ שטיק ווערט אינעווייניג אָפּגעריסן, און די שמערצן זיינען נישט צום אויסהאַלטן. און דורך די ווענט דרינגען צו איר טעמפּע געשרייען, קלאָגעדיגע, בעטנדיגע, פאַר'חלש'טע... איר גאַנצער קערפּער איז פול מיט געשרייען, יעדער אָדער, יעדעס פּיצל הויט שרייט. — — —

— וועמען שלאָגט מען דאָרט?

די טיר האָט זיך געעפנט. אַ בלאַסער ליכטשטרייף איז אויף ראָזא'ן געפאַלן. מען האָט זי ווידער אַריינגעפירט אין דער בלוטיגער שטוב. אויפן טיש איז געלעגן אַ נאַקעטער מענטש. ווען מען האָט אים אַראָפּגעשטעלט אויף דער ערד, האָט ראָזא געזען, אַז דאָס איז אַ מיידל — אַ קינד נאָך פון פערצן אָדער פון פופצן יאָר. זי האָט געציטערט און אַרויסגעלאָזט אַ דער־שטיקט העשען... וואָס האָבן זיי געטאָן מיט דעם קינד? אי שטוב איז געווען פול מיט אַגענטן, פול מיט געמיינע ווערטער, מיט זידלערייען און מיט אַ הירזשען פון ווילדע פערד. דער קליינער העסלעכער, דער סיפיליטישער, איז אויך דאָ געווען דערביי...

זאַרעמבאַ האָט געזאָגט צו דעם קינד:

— זי־אָ, זי הייסט ראָזיטשקאַ. זי האָט אויך געוואָלט זיין אַ שטאַרקע, איצט האָט זי שוין אַלץ צוגעגעבן. מען האָט איר געמאַכט אַ שטיקל חתונה... און זי איז בעסער געוואָרן. דיר וועט מען מאַכן נאָך אַ בעסערע חתונה...

בײַ אונדז מוז מען זאָגן, וואָס מען הייסט! — ער האָט זיך געווענדט צו די אַנדערע אַגענטן:

— גייט אַרויס, און די קלײנע... נעמט אויך מיט, נאָר טוט איר דאָרט גאָרנישט...

אין דער שטוב זײַנען פאַרבליבן: זאַרעמבאַ, טקאַטשוק, מאַטושעוויטש און אַנגעלסקי.

— ראָזיטשקאַ, פריער האָסטו שוין אַביסל דערציילט, האָסט דיך זייער פײַן אויפגעפירט. אָבער פאַר אונדז איז דאָס נישט גענוג. מיר ווילן וויסן מער. דו זאָלסט אונדז עפּעס דערציילן פון דער פּאַרטיי־פירונג. צום בײַשפּיל פון די „חברים"... וואָס? דו ביסט דאָך געווען מיט זיי אין פאַרבינדונג?

— זאַרעמבאַ גייט צו נענטער צו ראָזאַ'ן, לייגט אַרויף אַ האַנט אויף איר אַקסל. —נו, ראָזיטשקאַ, אַביסל האָסטו דאָך שוין דערציילט, דערצייל נאָך דעם רעשט, און מיר לאָזן דיך אָפּ. אַפילו קיין גערירט וועלן מיר דיר נישט מאַכן. וועסט גלײַך קאָנען אַהיים פאָרן צו דײַן קליין ברודערל...

ראָזאַ הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אויף זאַרעמבאַ'ן, גלײַך זי זאָל וועלן בײַ אים עפּעס אויספרעגן — פּלוצים רײַסט זי זיך פון אים אַרויס, און זי שרײַט מיט די לעצטע כוחות:

— עס איז נישט וואָר! איך האָב גאָרנישט דערציילט! איך ווייס פון גאָרנישט!... און איך האָב נישט אונטערגעשריבן גאָרנישט!

טקאַטשוק ווײַזט איר דעם פּראָטאָקאָל:

— אָט־דאָ איז דײַן אונטערשריפט.

ראָזאַ שרײַט נאָך אַלץ:

— דאָס איז נישט וואָר! די אונטערשריפט איז געפעלשט!

טקאַטשוק האָט איר געגעבן אַ פײַערדיקן פּאַטש איבער די אויגן. דער־בײַ האָט ער געשריען:

— מיר האָבן אָבער עדות! דו... דו מיט דײַן אייגענער האַנט האָסט דאָס אונטערגעשריבן — איצט וועסטו לייקענען? דו...

— איך וועל לייקענען. איך וועל דאָס קיינמאָל נישט צוגעבן. דאָס האָב איך נישט אונטערגעשריבן.

— נאָכאַמאָל נעמט זי צום פאַרהער! — גיט זאַרעמבאַ אַ באַפעל.

צווערשט נעמט מען אירע פינגער ווידער אין דער אַרבעט... זאַרעמבאַ קוקט צו אַביסל און גייט אַרויס. ראָזאַ שטרײַנגט אָן איר גאַנץ באַוואוסט־זײַן. אירע ליפּן זײַנען שוין צעביסן — נאָר זי מוז שרײַען, זי האַלט דעם ווייטאָג נישט אויס... דאָס איז פאַר טקאַטשוק'ן ווייניג. מען לייגט זי ווידער אויף דער באַנק מיטן פּנים אַרויף. און די דינע ריטלעך פײַפן איבערן לײַב, איבערן בויך, איבער דער ברוסט, איבערן האַלז, איבערן פּנים, איבער די פיס־זוילן, איבערן געשלעכט — הויפּזאַכלעך שלאָגט מען זי איבערן געשלעכט. זי שרײַט... און דאָס געפיל, אַז אינעווייניג אין דער ברוסט וועט זיך עפּעס אָפּרײַסן, אַז אָט יעדע מינוט מוז דאָס געשען, ווערט אַלץ שטאַרקער און טרעט מער נישט אָפּ. איר אָטעם ווערט הייסער און שוואַכער. זי שרײַט... דאָס איז פאַר טקאַטשוק'ן ווייניג. ער לאָזט זי אויסרוען אַ ווײַלע, און דערנאָך נעמט ער זיך ווידער צו דער ברוסט. מיט זײַנע בערן־לאַפּעס רײַסט ער אירע ברוסטן, ציט זיי אין אַלע זײַטן, ער דרייט זיי אויס ווי אַ שמאַטע, און קנײַפּט

און צופּט... ער לאָזט אָפּ און נעמט זיך צו דער שפּילקע... ער שטעכט איר אין די וואָרצלען, אַרום די ברוסטן, אין געשלעכט — זי חלש'ט...

מען דערמינטערט זי. מען לאָזט זי אַ ווײַלע אויסרוען. און ווידער ליגט זי שוין אויף דער באַנק מיטן פּנים אַראָפּ. נאַסע שמאַטעס איבערדעקן זי און די גומענע פּאַלקעס קאַטעווען... ווידער מער אין די זײַטן ווי אין דער פּלייצע. דער שמערץ פון דרויסן און פון אינעווייניק איז אַ שרעקלעכער. זי חלש'ט...

אין דער טונקעלער קאַמער קומט זי צו זיך. צוויי מענטשן גיסן איבער איר וואַסער. דערנאָך גייען זיי אַרויס. זי בלייבט אַליין. אין דער טונקלקייט הערט זי פאַרשידענע מענטשן קרעכצן. דאָס הערט נישט אויף אַ גאַנצע נאַכט. נאָר ווען ס'ווערט טאָג ווייסט זי אויך נישט, ווײַל אין דער שטוב איז די גאַנצע צייט טונקל, די פּענצטער זײַנען פאַרשלאָגן מיט לאָדנס. ערשט אינדערפרי, ווען פּאָליציאַנטן עפענען די טיר און פירן די מענטשן צום קלאָזעט, ווייסט ראָזא, אַז ס'איז טאָג.

ס'איז דער 10טער אָקטאָבער, 1930.

ראָזא קאָן זיך נישט רירן. אַלץ שטעכט אינעווייניק. זי זעט, די שטוב איז פול מיט פרישע קאַליקעס, מיט פאַרבלוטיגטע און האַלב־טויטע מענטשן. אַלע קרעכצן... זי דערקענט נישט קיינעם פון זיי. דערנאָך רופט מען אויך זי — אָבער זי קאָן זיך נישט רירן. מען מוז זי אַרויסטראָגן אויף אַ טראָג־בעטל. זי קוקט זיך כסדר אום, זי ווײַל זען וועמען פון איר דאָרף, זי טרעפט אָבער נישט קיינעם. וואָס זאָל זײַן מיט זיי? זײַנען שוין אַלע טויט?

אין דער טונקעלער שטוב ליגט זי אַ גאַנצן טאָג. שפּעטער הויבט זיך ווידער אָן דער „פאַרהער" אין די אַנדערע שטיבער — דער מורא'דיגער טעמפּער געשריי הערט נישט אויף... אויך פון איר שטוב פירט מען אַרויס איבערן טאָג עטלעכע צום „פאַרהער". מער ברענגט מען זיי נישט צוריק. מען וואַרפט אַריין אַנדערע, פריש־צעשלאָגענע, זיי בלייבן ליגן ווי טויטע שמאַטעס. די גאַנצע שטוב קרעכצט...

ראָזא טראַכט, אַז דאָס איז די ערשטע סטאַציע דאָ, נאָכן ערשטן מאַסאַקער... דערנאָך נעמט מען זיי פונסני... אַזוי איז דאָס אויך געווען. גאָר שפּעט, ס'האָט שוין געמוזט זײַן שפּעט אינדערנאַכט, האָט מען אויך ראָזא'ן ווידער גענומען.

אַנגעלסקי און מאַטושעוויטש זײַנען אַרײַנגעקומען און האָבן זי אַרײַנגעפירט אין „רויטן קאַבינעט". דאָרט וואַרט אויף איר טקאַטשוק. ער רופט זיך באַלד אָן צו איר:

— אַלזאָ, ראָזיטשקאַ, מיר האָבן נישט קיין צייט מיט דיר זיך צו שפּילן. געדיינקסטו שוין, אַז דו האָסט נעכטן אונטערגעשריבן, אָדער נאָך נישט? זאָג שנעל, מיר האָבן נישט קיין צייט...

ראָזא האָט נישט קיין כוח געהאַט צו ענטפערן. די אינקוויזיציע הויבט זיך אָן פונסני... מיט דינע ריטלעך איבער די זוילן, מיט אַ סיפאָן אין דער נאָז אַרײַן — דאָס מאָל איז עס נאַפט מיט עסיג... דאָס בייסט שרעקלעך און צערייסט איר דעם האַלץ און די לונגען. זי ברעכט אויס, אָבער ליגנדיק מיטן פּנים אַרויף קאָן דאָס פון איר נישט אַרויס. גייט דאָס אַלץ צוריק... עס ווערט איר נאָך מער שלעכט — און זי דערשטיקט זיך שיר. מען שאָקלט

איר דעם קאָפּ — דאָס אַלץ גייט אַרויס און בלייבט איר ליגן אויף דער ברוסט און אויפן בויך...

טקאַטשוק פרעגט זי — זי ענטפערט... ער נעמט זיך ווידער צו די ברוסטן. דאָס אייגענע קומט פאָר וואָס נעכטן. עס געדויערט זייער לאַנג. זי חלש'ט עטלעכע מאָל. צולעצט שלאָגט מען זי ווידער מיט גומענע פּאַלקעס — אָבער שוין אויפן הוילן לייב... דאָס געדויערט נישט לאַנג.

דאָס שרעקלעכע געפיל פון לאָקערונג אינעווייניק אין איר ברוסטקאַסטן ווערט אַלץ שטאַרקער. זי פילט שוין נישט בלויז די פּלייצע און די זייטן צעפייערט — נאָר אויך אינעווייניג איז יעדעס פּיצל איין שטיק פייער. און דאָס רייסט זיך אינעווייניג אַרויס, קומט אַלץ נעענטער צו צום האַלז — עס שטייגט איר אין קאָפּ אַריין — דער שאַרבן צעשפּרינגט... די פּאַלקעס הערן נישט אויף צו פאַלן איבער דער פּלייצע און איבער די זייטן — ראָזאַ גיט זיך אַ וואָרף, איר גאַנצער קערפּער צוקט אויף — זי דערפילט אַ מעכטיג גליענדיגן שטאָך אין דער רעכטער זייט — עפּעס האָט זיך אין איר אָפּגע־ריסן... באַלד איז איר דאָס צו צום האַלז, עס איז איר שרעקלעך שווער גע־וואָרן צו אָטעמען — עס געדויערט אַ סעקונדע — און פון איר מויל גיסט זיך אַרויס אַ שטראָם בלוט...

טקאַטשוק און זיינע געזעלן דערשרעקן זיך. מען בינדט זי שנעל אויף, מען לייגט זי מיטן פּנים אַרויף — איינער פון די מערדער איילט אַרויס.

ראָזאַ'ן שטיקט אין האַלז. פון דער ברוסט טרייבט אַלץ צום האַלז — אַ קאָכנדיגער בריענדיגער שטראָם, דער האַלז בראָט און וואַרגט...

טקאַטשוק לייגט איר אַרויף אויפן קאָפּ אַ נאַסע שמאַטע, אַטנעלסקי רייניגט זי אָפּ פון בלוט, און זיי טוען איר אָן די קליידער. דאָס אַלץ טוען זיי שטיל און שנעל. ראָזאַ טראַכט: מען איילט זיך צו, זי זאָל שטאַרבן אין קליידער... איר פאַלט אויף די צעטומלטקייט פון די מערדער, זי באַ־גרייפט נישט — מאַכן פאַר אַ קאַליקע מעג מען יאָ, און הרג'ענען טאָר מען נישט? דאָס איז צוליב דעם, קלערט זי, ווייל אַ קאַליקע ווירקט אויף אַנדערע מער אָפּשרעקנדיג...

עס קומט אַריין אַ דאָקטאָר. אַזוי שנעל? דאָס איז אודאי אַ דעפענ־סיווע־דאָקטאָר. צו וואָס האָבן זיי אים געבראַכט? צו וואָס דאַרף זי אים? אָמליבסטן וואָלט זי אים איצט געזאָגט איר ריכטיגע מיינונג. אָבער זי קאָן נישט רעדן...

דער דאָקטאָר באַטראַכט זי. עס געדויערט נישט לאַנג — גלייכט ער זיך אויס און זאָגט שטאַרק אויפגערעגט צו טקאַטשוק'ן:

— אויב איר שלאָגט צו דער'הרג'ענען, טאָ רופט נישט מען זאָל ראַ־טעווען! און דערצו: איך וויל מער מיט דער „אינסטיטוציע" נישט האָבן צו טאָן!

ראָזאַ האָט פאַרוואונדערלעך אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר. ער האָט שנעל איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און איז אַרויסגעגאַנגען. די טיר האָט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ... דאָס איז דאָך עפּעס אַ נייעס — אין דער אינסטיטוציע... דאָ זאָל מען נאָך הערן אַ מענטשלעך וואָרט? — ראָזאַ איז געוואָרן צופרידן. ער האָט דאָך אויך קלאָר געזאָגט: מען האָט זי דער'הרג'עט... דער קאָכנ־דיג־בריענדיגער שטראָם אין האַלז און אונטער דער ברוסט ווערט אַלץ רייסנ־

דיגער — זי ווערט דערשטיקט... אַ נייער בלוטשטורעם רייסט זיך אַרויס פון איר מויל — דאָס האַרץ צעפּאַלט זיך — דער קאָפּ ווערט פּולער, שווערער...

זי עפנט ווידער די אויגן. לעבן איר שטייט אַ דאָקטאָר, אַן אַנדערער, און מאַכט איר אַן איינשפּריצונג. ער פּרואווט אויך מאַכן ביי איר קינסטלעכע אָטעמונגען — עס ווערט איר לייכטער. זי באַמערקט פּלוצים, אַז זי איז שוין אָנגעטאָן אין אַלע אירע קליידער, ביז אויף די שיך. דערנאָך האָט מען זי אַריבערגעטראָגן אין אַ שכנות'דיגער שטוב. אין דער שטוב ברענט אַ לאָמפּ — אַן אַנדערע שטוב, זעט זי, ווי די נעכטיגע. זי ליגט דאָרט אויף אַ טיש. מען לייגט איר אייז־בײַטלען אויף דער ברוסט און אויפן קאָפּ — אָבער פון דער מויל און פון דער נאָז הערט דאָס בלוט נישט אויף זיך צו גיסן... אַ גאַנצע נאַכט אַזוי.

צווערשט האָט זי נאָך אַריינגעהערט אַ צייט לאַנג די מורא'דיגע געשרייען. דאָרט האָט מען שוין ווידער צעמאַסקרעוועט אַנדערע... איינעם נאָכן אַנדערן... פּינקטלעך ווי אַ זייגער. ווי אַ פּאַראַגראַף. ווי אַ נאַטירלעך, מענטשלעך געזעץ... נאָר די געשרייען, וואָס ראָזאַ האָט אַריינגעהערט, זיינען גאָרנישט געווען נאַטירלעך...

די נאַכט איז פאַר איר געווען זייער אַ שווערע. דער קאָפּ האָט שרעקלעך געהיצט. אין האַלז האָט געשטיקט. דער גאַנצער קערפּער איז געווען איין שטיק בראַנד. לעבן איר איז געזעסן די גאַנצע צייט אַ פּאָליציאַנט. זי האָט זיך צוגעהערט, צי זיינען דאָ נישטאָ אין שטוב נאָך אַנדערע מענטשן, אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט.

פיל שפּעטער האָט דער פּאָליציאַנט זי געפרעגט, צי ער מעג רויכערן לעבן איר אַ פּאַפּיראָס? זי האָט געשאָקלט אויף יאָ. ער האָט פאַררויכערט און אויך איר אָנגעבאָטן. זי האָט נישט גענומען. ווי האָט זי גאָר אין אַזאַ צושטאַנד געקאָנט רויכערן? אָבער דעם פּאָליציאַנט האָט דאָס געמוזט ערגערן, ווייל באַלד האָט ער אויך זיין פּאַפּיראָס אויסגעלאָשן אין אַ ווינקל און האָט זיך דערנאָך אַ היבשע צייט נישט געוויזן. שפּעטער איז ער צוריק צוגעקומען, ער האָט זיך לעבן איר געזעצט, און פּאַוואָליע האָט ער אויך אָנגעהויבן צו רעדן. ער האָט זיך פאַר איר אַזוי ווי אַנטשולדיגט. ער האָט געזאָגט:

— איך, איך דין נאָר פאַר ברויט. איך בין דאָך נישט ווי דידאָזיגע אַגענטן. מיך אַליין עקלט פאַר זיי. איך בין שוין איינמאָל אָנגעקומען, אַז מען זאָל מיך ערגעץ אַנדערש געבן, פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַן אויסרייד. אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. זיי האָבן נישט געוואָלט. מיר טוט זייער וויי, וואָס איך מוז צוזען, ווי מען שלאָגט אַ טראָגנדיגע פרוי. ניין — אַזוי גאָר מאָרדעווען מענטשן... ווען איך זאָל דאָס נישט זען מיט אייגענע אויגן, וואָלט איך נישט געגלויבט.

ער איז שטיל געוואָרן און ער האָט ווידער אָנגעצונדן זיין אויסגעלאָשן ציגאַרעטל. ווען ער האָט זי נאָכאַמאָל געבעטן, זי זאָל ביי אים אויך נעמען אַ ציגאַרעטל, האָט זי אים געוויזן, אַז זי רויכערט נישט. רעדן איז איר שווער געווען. דערנאָך איז דער פּאָליציאַנט געוואָרן רעדעוודיגער. ער האָט איר דערציילט, אַז אַ סך מאָל קאָן ער גאַנצע נעכט נישט שלאָפן. אין קאָפּ

לויפן ביי אים ארום די אלע מערדערלעכע שלעגערייען און די פארקריפלטע מענטשן. ער האט איר דערציילט, אז אין דערדאזיגער שטוב ליגט דארט א פויער, מיקיטע צעקאט הייסט ער, מיט איבערגעבראכענע זשעבערעס. ער הערט נישט אויף צו יענקען, און פון אָרט קאן ער זיך נישט רירן. ראזא זאגט אים, אז דער מיקיטע צעקאט איז פון איר דארף, און צי ער ווייסט נישט נאך פון אנדערע ביי נעמען? ער ווייסט נישט, האט ער געזאגט, נאר ער קאן אריינגיין פרעגן. ניין, זי וויל נישט ער זאל אריינגיין. ווי שפעט קאן זיין? ער קוקט נאך און זאגט, אז ס'איז באלד זיבן אזייגער. ראזא פרעגט אים אויך, צי עס איז איצט ביינאכט, צי בייטאג? עס איז אינדערפרי, ענטפערט ער. ראזא טראכט:

— זיבן אזייגער אינדערפרי... דער 11טער אקטאבער, 1930.

און זי פרעגט זיך: „וועל איך לאנג נאך געדיינקען דעם דאטום?"

ראזא קוקט זיך אום איבער דער שטוב. עס ווערט איר קלאר, פארוואס זי קאן נישט אונטערשיידן צווישן טאג און נאכט — די פענצטער זיינען פארשלאגן מיט לאדנס און איבער די לאדנס זיינען אויסגעבעטט גראבע קאצן. הייסט עס, אז ווען ס'איז דא גאר א סך צו מארדעווען, געהערט די שטוב אויך צום שעכט־הויז...

זי פרייט זיך, וואס עס גיסט זיך נישט מער קיין בלוט פון איר, כאטש איר גאנצער קערפער הערט נישט צו גליען און צו בראטן, ווי אן איינציג שטיק שרעקלעכער ווייטאג... (און אז זי האט מיט עטלעכע שעה פריער געוואלט שטארבן, האט זי מאמענטאן נישט געדיינקט).

זי האט זיך דערמאנט אן „בלוטיגן קאבינעט", און זי האט געפרעגט דעם פאליציאנט, צי ער ווייסט נישט, אויב איינער, יאקאב קוזמיטש מיטן נאמען, איז נעכטן ביינאכט דער'הרג'עט געווארן אויף טויט? דער פאליציאנט האט דאס נישט געוואוסט.

—דו ווייסט נישט, — האט זי אים געפרעגט, — אדער דו טארסט נישט אויסזאגן?

ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ און ער האט שטיל געזאגט:

— איך טאר נישט אויסזאגן אויך...

נאר יאקאב קוזמעטש איז נישט דער'הרג'עט געווארן. דאס איז זי ערשט שפעטער געוואר געווארן. דער'הרג'עט געווארן זיינען אנדערע צוויי חברים...

עס איז געווען א צייט שטיל אין דער שטוב, וואו ראזא איז געלעגן. דערנאך איז אריינגעקומען אן אגענט און האט געפרעגט וואס זי טוט? „א טייער נאכפרעגן", האט זיך ראזא געטראכט. געענטפערט האט זי נישט, נאר זי האט זיך אנגעשטריינגט און אים געבעטן, מען זאל זי אריבערפירן אין א שטוב, וואו עס זיינען דא נאך מענטשן. דער אגענט האט איר געזאגט:

— אויב דו ווילסט, וועלן מיר דיך אריינטראגן צו דיינע לייט. נאר סאמע גוטע זאכן וועסטו דארט נישט זען...

דער אגענט און דער פאליציאנט האבן זי אריבערגעטראגן אין א צווייטער שטוב. אויך דארט האט מען זי אראפגעלייגט אויף א טיש. פרימשן זיינען נישט געווען אין ערגעץ. דער אגענט מיטן פאליציאנט זיינען ארויסגעגאנגען, דארט איז געבליבן אן אנדער פאליציאנט פון פריער.

ראָזא האָט זיך אָנגעשטריינגט און אומגעקוקט זיך איבער דער שטוב — לאָדנס איבער די פענצטער און קאָצן, אַן איינציג עלעקטריש לעמפּל, די לופט איז געדיכט און פול מיט שרעקלעכע ריחות און קרעכצן. באַלד ביי איר אַריינקומען אין דער שטוב האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז גאַנצע שטיקער פאַרבלוטיגטע קרעכצן שוועבן דאָ אין דער לופט...

אויף דער ערד ליגן אַרום מענטשן, טייל צונויפגעקוילעכט ווי באַלעמעס, אַזוי אַז מען זעט נישט אַרויס קיין קאָפּ און קיין הענט ביי זיי — טייל ווידער ליגן אויסגעצויגענע, ווי שווערע אומגעפאַלענע קלעצער. קיינער רירט זיך נישט...

פון דעם פילן באַוועגן זיך און זיך איז ראָזאַ'ן ווידער שלעכט געוואָרן. זי איז צוריקגעפאַלן אויפן טיש, ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס שטיקן אין האַלז און אונטער דער ברוסט, און דער קאָפּ האָט איר ווידער אָנגעהויבן שטאַרק צו טומלען. באַלד איז געקומען אַ פרישער בלוטשטורץ...

דער פאָליציאַנט איז אַרויסגעלאָפן, און עס איז אויך באַלד געקומען אַ דאָקטאָר. ער האָט איר ווידער געמאַכט אַן איינשפּריצונג, מען האָט אויף איר געלייגט פריש אייז. צוביסלעך איז איר לייכטער געוואָרן.

פון דעם טומל האָט זיך איינער פון דער ערד גערירט. דאָס איז געווען דער עלטערער פּאַווליוק, אַ מענטש אפשר שוין פון זיבעציג יאָר. ער האָט געהערט ראָזאַ'ס נאָמען, האָט דאָס אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך צוגע־שלעפּט צום טיש, פאַמעלעך און שווער האָט ער זיך אויפגעשטעלט. ראָזא האָט לאַנג אויף אים געקוקט, ביז זי האָט אים דערקענט. זיינע לאַנגע, פריער ווייסע, האָר זיינען איצט געווען פאַרקלעפּט און רויט געפאַרבט. די באָרד איז געווען עהטערוויז אויסגעצופּט, דאָס מויל און די נאָז שטאַרק אויפגע־שוואָלן. ביים רעדן האָט מען געזען, אַז אויך די צונג איז געווען צוקאַליע־טשעט. ער האָט גערעדט שטומלעך, און מען האָט די העלפט ווערטער נישט פאַרשטאַנען. ער האָט ראָזאַ'ן געפרעגט, וואָס זי טוט? זי האָט זיך גע־געפרייט, וואָס זי האָט דעם אַלטן פּאַווליוק איצט געזען. אָבער זי האָט נישט געקאָנט רעדן, זי האָט אים נישט געקאָנט ענטפערן. מיט שוואַכע האַנט־באַוועגונגען האָט זי געענטפערט...

דער אַלטער פּאַווליוק האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן טיש און ער האָט קוים געקאָנט שטיין. ער האָט איר דערציילט, אַז ווי אַזוי די אָסטראָווער מענטשן זיינען צעשלאָגן געוואָרן, איז דאָס נאָך גוט אויסגעפאַלן קעגן דעם, ווי אַזוי שטאָטישע חברים ווערן דאָ צע'הרג'עט. נאָר געפּייניגט און פאַר־קריפּלט האָט מען די אָסטראָווער אויך נישט שלעכט. ער האָט דערציילט, אַז אַ סך חברים האָט מען געמאַכט פאַר געשלעכטלעכע קאַליקעס... ער האָט איר דערציילט וואָס מען האָט אַלץ געטאָן... אַזוי אַז מען האָט אויך ביי פיל צעקאַליעטשעט דעם געשלעכט און אין דער אָפּענער וואונד האָבן זיי אַריינגעגעבן סיפיליטישע טראָפּנס... גאָלדמאַן איז די גאַנצע צייט באַ־וואסטלאָז. אָסיפּ זשוק אויך. ביידע האָט מען מיט הענט געבונדענע פון הינטן אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט, און אַזוי הייננענדיג האָט מען זיי אין די פּיס געשטאָכן מיט שפּילקעס. ווען זיי האָבן גע'חלש'ט האָט מען זיי נישט אַראָפּגענומען, נאָר אַזוי הייננענדיג האָט מען זיי געמינטערט און דערנאָך האָט מען זיי ווידער געשטאָכן מיט שפּילקעס.. יאַקאָווניטש'ן האָט

מען אויפגעהאַנגען ביי די פיס, און דעם קאָפּ האָט מען אים באַגאָסן מיט קאָכעדיק וואַסער... די געפּערלעכסטע מערדער, דערציילט ער, זיינען טקאַטשוק און זאַרעמבאַ. די אַנדערע טוען, וואָס זיי הייסן.

'עס הויבט זיך ווידער אָן דאָס פּרימראָגנדיקע פירן צום קלאָזעט. פּאַווליוק קוקט נאָך לאַנג אויף ראָזאַ'ן. ער ציטערט שטאַרק מיטן אַלטן קאָפּ, ווען ער שאַרט זיך פון איר אַוועק, און זיין געשוואָלן פאַרקרימט מויל שמייכלט ביטערלעך... ראָזאַ פרייט זיך, וואָס זי האָט געטראָפן דעם אַלטן פּאַווליוק.

שפּעטער קומען שוין צוגיין די אַגענטן צו זייער טאָג אַרבעט... זיי קומען אַריין אויך אין דער שטוב, וואו ראָזאַ ליגט, גייען צו צו די בינטלעך מענטשן, וואָס ליגן אויף דער ערד, גיבן יעדן אַ שטויס מיטן פוס, פּרוּווּנדיק צי זיי לעבן נאָך — און זיי גייען ווייטער דאָסזעלבע טאָן אין די אַנדערע שטיבער. ווידער קומט אַריין אַנגעלסקי, בלייבט שטיין אין דער אָפענער טיר, גיט אַ הירזשע ווי אַ ווילד פערד און פאַרשווינדט צוריק. פיל שפּעטער באַווייזט זיך טקאַטשוק, די הענט אין די הויזנקעשענעס, אַ ציגאַר אין מויל, און דאָס מערדעריש־צעשפּרייטע פּנים שטראַלט מיט ווילדער שרעק. ער קומט צו צו ראָזאַ'ן און ווינקט איר צו מיט זיינע גרויזאַמע אויגן, דערנאָך זאָגט ער בדייט, פּאַוואָליע, הויך:

— נו, און דו לעבסט נאָך? דו... קאָמוניסטקע? — ער מאַכט אַ פּאָר קרעפּטיקע ציִ ביים ציגאַר און זאָגט ווידער: — נאָר מיר ביידע זיינען נאָך נישט פאַרטיק. מיר ביידע האָבן נאָך אַ שמועס צו טאָן...

און ברייט, פּאַוואָליע, צופרידן גייט ער ווידער אַרויס.

באַלד פירט מען אַריין אין דער שטוב אַקסענטיוק'ן און מען לאָזט אים דאָ איבער. אַקסענטיוק איז וויניק צעשלאָגן. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן די ערשטע קלעפּ און ער האָט אַלץ אונטערגעשריבן, וואָס זיי האָבן אים געהייסן. אַזוי האָט ער ראָזאַ'ן דערציילט. ער האָט אויך דערציילט, אַז פון זייער געגנט אַליין זיינען דאָ אַריבער הונדערט פופציק אַרעסטירטע. די שטאָטישע האָט מען מער צע'הרג'עט. טייל ליגן אין די לעצטע אָטעמס. מער ווי העלפט חברים האָט מען אָנגעשטעקט מיט סיפילים... מיקיטע'ן האָט מען צעבראָכן דריי זשעברעס. יאַנטשוק און סטעפאַן באָיקאָ זיינען טויט. און נאָך איינע, אַ שטאָטישע חבר'טע, רוטקע האָט זי געהייסן, איז אויך טויט.

(חבר סטעפאַן באָיקאָ'ס קערפּער איז עטלעכע וואָכן שפּעטער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פונם סטיר, אַ וואַסער, וואָס לויפט נאָנט לעבן דער לוצקער תּפיסה. די פּוילישע צייטונגען האָבן געבראַכט קורצע נאָטיצן, אַז איינער אַ באַקאַנטער קאָמוניסט מיטן נאָמען סטעפאַן באָיקאָ, איז אַנטלאָפן פון קרימינאַל, און אַזוי ווייטער... פון דער חבר'טע רוטקע ווייסט מען נישט ביז היינטיקן טאָג...)

אַקסענטיוק האָט נישט געקאָנט לענגער שטיין און ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. ווען זאַרעמבאַ איז דערנאָך באַלד אַריינגעקומען, האָט זיך ראָזאַ פּלוצים אויפגעכאַפּט און מיט איר לעצטן כּוח האָט זי אים געשריען אין פּנים אַריין:

— בעסטיע מערדערישע! האָסט דערמאָרדעט דריי מענטשן!

ראָזא איז צוריקגעפאַלן אויף איר געלעגער. זאַרעמבאַ האָט אויסגע־שפּיגן עטלעכע געמיינע זידל־ווערטער און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען.

עטלעכע פון די צעשלאָגענע מענטשן, וואָס זיינען געלעגן אויף דער ערד, האָבן זיך גערירט. דערנאָך איז גאַנץ שטיל געוואָרן.

שפּעטער פירט מען אַריין אין שטוב צוויי מיידלעך. איינע האָט ראָזא באַלד דערקענט. דאָס איז דאָס יונגע מיידל, וואָס ראָזא האָט געזען שטיין אַ נאַקעטע פאַר די אַגענטן. זי זעט איצט אויס עלטער, אפשר אויף זיבעצן יאָר. און די צווייטע איז אַלט איבער צוואַנציג. זיי זיינען ביידע שטאַרק איבערגעשראָקן, צעשלאָגן, פאַרבלוטיגט, די האָר צעשויבערט. זיי לענען זיך אָן ביי אַ וואַנט, און די אינגערע הערט נישט אויף צו העשען. ראָזא האָט זיי צוגערופן צו זיך, אָבער זיי האָבן נישט געהערט. אַ פּאָליציאַנט פירט זיי צו צו איר. זיי בלייבן שטיין לעבן טיש ווי לעבלאָזע סטאַטועס. אויף ראָזאַ'ן קוקן זיי מיט פאַרשטאַרטער שרעק. באַלד דערציילן זיי, אַז זיינען שוין עטלעכע מאָל געווען ביים פאַרהער. זיי זיינען שוין דאָ זייער לאַנג. נעכטן האָבן זיי אונטערגעשריבן.

איינער דערציילט אַז אין אָרכאָוו, איר שטאָט, האָט מען אַרעסטירט 38 מענטשן, זי איז איין פון צווישן די חברים. אַלע האָט מען מערדערלעך צעשלאָגן. נאָר דער פאַרהער האָט זיך ביי זיי נאָך נישט פאַרענדיגט... זי האָט מען עטלעכע מאָל פאַרגוואַלדיגט.

די צווייטע, די עלטערע, איז פון אַ דאָרף. דאָרט האָט מען אַרעסטירט 16 פּויערים און זי. אַליין ווייסט זי נישט פאַרוואָס מען האָט זי אַרעסטירט. די אַגענטן האָבן איר געזאָגט, אַז ווען איר חתן איז אַ קאָמוניסט, איז זי אויך אַ קאָמוניסטקע. איר חתן האָט אָבער מיט איר וועגן אַזעלכע זאַכן קיינמאָל נישט גערעדט. זי ווייסט נישט וואָס מען וויל פון איר. זי האָט באַלד אַלץ אונטערגעשריבן. דערנאָך האָט מען זי אַריינגעפירט צו איר חתן, זי האָט אים שוין נישט דערקענט, אַזוי צעשלאָגן איז ער געווען. איר דאַכט זיך, אַז אויף איין אויג איז ער בלינד געוואָרן. די אַגענטן האָבן איר חתן געהייסן אונטערשרייבן דעמזעלבן פּראָטאָקאָל, וואָס זי האָט אונטער־געשריבן, האָט ער נישט געוואָלט. מען האָט זי אויסגעטאָן נאַקעט אין זיין געגנוואַרט און מען האָט זי געוואָלט פאַרגוואַלדיגן — נאָר זי האָט דעמאָלט געהאַט מענסטרואַציע, דערפאַר האָט מען זי אָפּגעלאָזט. נאָר אונטער אירע ברוסטן האָבן זיי געזוכט אַ קאָמוניסטישן שטעמפּל. אַז זי ווייסט גאָרנישט וואָס דאָס איז...

ראָזאַ'ן איז ווידער שלעכט געוואָרן. איר איז געווען קאַלט און היים צוגלייך. עס איז איר געוואָרן שווערער צו אָטעמען. און ווען זי האָט גע־וואָלט אויפהויבן דעם קאָפּ, עס זאָל איר לייכטער ווערן, איז איר פאַרגעקו־מען, ווי עמיצער וואָלט זי צוריקגעשלעפּט אַראָפּ. דערביי האָט איר דער קאָפּ אַלץ שטאַרקער געדרוישט — און באַלד האָט זי ווידער באַקומען אַ בלוט־שטורץ...

אין „רויטן קאַבינעט" האָט די אינקוויזיציע שוין געאַרבעט... די ווענט האָבן אויפגעציטערט פון די גוואַלטיגע און שוידערלעכע געשרייען. עס האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטוב הילכיגע געשרייען פון ערשטע פּיי־ניגונגען, דערנאָך ווידער הייזעריגע, קרעכצנדיגע, און עס זיינען אויך דורכ־

געדרונגען דורך די ווענט קוים הערבארע, אפשטארבנדיגע שטיקלעך קרעכצן פון שוין „פארענדיגטע פארהערן"...

דאָס האָט אַזוי געדויערט אַ גאַנצן טאָג און ווידער אַ האַלבע נאַכט...

פארנאכט האט מען ביי ראָזא'ן אין שטוב יעדן געגעבן א שטיקל ברויט. ראָזא איז געווען הונגעריג, אָבער זי האָט נישט געקענט שלינגען. זי האָט געלאָזט ליגן דאָס שטיקל ברויט ביי זיך אויפן טיש. עטלעכע מאָל איבערן טאָג האָט זיך אקסנטיוק אויפגעשטעלט, זען וואָס זי טוט. און אויך דער אַלטער פאווליוק איז נאָך צוויי מאָל צו איר צוגעקומען.

ביינאכט האָט ראָזא ווידער באַקומען אַ בלוט-שטורץ. די מורא'דיגע געשרייען פון די אַנדערע שטיבער האָבן נישט אויפגעהערט.

דערנאָך האָט מען ראָזא'ן גערופן צום ריכטער. זי האָט געזאָגט, אַז זי קאָן זיך נישט רירן. דערביי איז געווען זארעמבא. ער האָט באַפוילן די אַנדערע אגענטן, מען זאָל איר אראָפּשטעלן און אריינפירן צום ריכטער. זיי האָבן אַזוי געטאָן. זי האָט נאָכגעשלעפּט די פיס. צוויי אגענטן האָבן זי געפירט.

דער ריכטער הייסט בורי אויפן פאַמיליע-נאָמען. ער האָט צו איר געזאָגט, ווען זי איז נאָר אריינגעקומען אין זיין שטוב:

— נו, נו, מאַך דיך נישט פאַר אַזאַ קראַנקע. עס פעלט דיר גאָרנישט...

— און ער האָט זי געהייסן זעצן.

זי איז געבליבן שטיין. עס האָט אין איר געברענט אַ געפיל נאָר אַ שפּיי צו טאָן דעם ריכטער אין פּנים אריין. ער האָט נאָך געזאָגט:

— שטיי אויב דו ווילסט. האָסט געגוג כוח...

ער האָט איר פאָרגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל און געהייסן אונטערשרייבן. דערביי האָט ער באַמערקט:

— איינמאָל האָסטו שוין אונטערגעשריבן. איצט מוסטו אויך אין מיין געגנווארט אונטערשרייבן.

ראָזא האָט געקוקט אויף די גראָבע קישקעס ארום זיין קאַרק און ארום האַלז, זי האָט געקוקט אויפן גלאַנציגן גאָלן קאָפּ, און זי האָט געענטפערט הייזעריג-שטיל:

— דאָס איז נישט אמת. איך האָב קיינמאָל נישט אונטערגעשריבן קיין פּראָטאָקאָל. די אונטערשריפט איז געפעלשט.

זארעמבא האָט איר געגעבן אַ ריס ביים אַקסל, און ער האָט אין איר שאַרף אריינגעקוקט מיט זיינע מערדערישע אויגן. דער ריכטער האָט געזאָגט:

— טאָ שרייב זשע אויף דיין נאָמען, ווען מיר זען, צי דיין נעכטיגע אונטערשריפט איז נישט קיין ריכטיגע.

— איך וואָלט נישט געגלויבט, אַז אַ פּוילישער ריכטער זאָל זיך גאָר פּרואוון מיט אַזעלכע נארישע שטיקלעך, — האָט אים ראָזא אויף דעם געענטפערט, קוקנדיג אים גלייך אין פּנים אריין.

דער ריכטער האָט אויפגעטופּעט מיט די פיס, און מיט פארקריצטע ציין האָט ער אויף איר אָנגעשריגן:

— אַז דו וועסט זיין אַזאַ... וועל איך דיך נאָכאמאָל שיקן צום „פארהער"!

און זאַרעמבאַ האָט איר ווידער אַ ריס געטאָן ביים אַקסל און מערדעריש געוואָרטשעט:

— דו... דער „רויטער קאַבינעט" וואַרט נאָך אויף דיר... און דו וועסט נאָך זינגען ביי אונז ווי אַ קאַנאַריק...

ראָזאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט. זי האָט נישט געקאָנט לענגער שטיין. דער ריכטער האָט איר אונטערגערוקט דעם פּראָטאָקאָל און אַ פּעדער. אַלע מאָמענטן פון דער בעסטיאַלישער אינקוויזיציע, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע טעג, זיינען בליץ־שנעל איר געלאָפן דורכן קאָפּ. עס איז איר געוואָרן שטאַרק שווינדלדיג פאַר די אויגן. אָבער זי האָט נאָך כוח געהאַט צו זאָגן דעם ריכטער:

— דער גאַנצער פּראָטאָקאָל שטימט נישט מיטן אמת. אָבער ווען ס'וועלן אַרויסגענומען ווערן כאָטש די שרעקלעכסטע שטעלן פון פּראָטאָקאָל, באַזונדערס די שווידערלעכע דערפינדונג מיט פינסק, דעמאָלט וועל איך דעם פּראָטאָקאָל אונטערשרייבן.

דער ריכטער האָט זיך אויף איר געוואָרפן:

— וואָס זאָל מען דאָ אַרויסנעמען? וואָס זאָל מען דאָ פאַר דיר באַזונדערס איבערקלייבן? צי ביסטו נישט קיין קאָמוניסטקע? צי האָסטו נישט אַגיטירט פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי? באַווייזן זיינען דאָ! צי דו וועסט יאָ אונטערשרייבן, צי נישט — וויכטיג זיינען די באַווייזן!

ראָזאַ האָט אויף דעם געזאָגט:

— אויף מיין פּערזאָן מעגט איר אַרויפוואַרפן וואָס איר ווילט. איך בין דאָך אין אייערע הענט. און סיי ווי האָט איר מיך שוין פאַרקריפּלט. איך לעב נישט מער. דערפאַר וועל איך אונטערשרייבן אַלץ, וואָס איר וועט זאָגן אויף מיר. אָבער ווען אין פּראָטאָקאָל וועלן זיך געפינען פרעמדע מענטשן, וועלכע איך קאָן אפילו נישט, וועל איך נישט אונטערשרייבן.

דער ריכטער האָט געקריצט מיט די ציין און אַ ריס געגעבן צו זיך דעם פּראָטאָקאָל. פאַרביסן און שטאַרק ציטערנדיג מיט דער פעדער אין דער האַנט, האָט ער אויסגעשטראָכן עטלעכע שטעלן. דערנאָך האָט ער נאָכאַמאָל געלייענט דעם פּראָטאָקאָל. ראָזאַ האָט אונטערגעשריבן.

איבער דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז געווען ביים ריכטער בורי אין שטוב, האָט זי דייטלעך אַריינגעהערט די געשרייען פון געפייניגטע...

מען האָט זי צוריקגעפירט אויף איר פּלאַץ.

אין דער שטוב איז געווען שטיל. די מענטשן זיינען געלעגן ווי טונקעלע לעבנלאָזע בינטלעך אויף דער פּאָדלאָגע. ס'האָט אויסגעזען ווי אין אַ טויטנקאַמער, וואו מען קלויבט צונויף די גע'הרג'עטע נאָך אַ פּאָגראָם...

פון דער אַנדערער שטוב האָט מען נאָך לאַנג אין דער נאַכט אַריינגעהערט די שרעקלעכע געשרייען...

יעדן טאָג דאָסזעלבע. יעדע נאַכט דאָסזעלבע. די מערדערישע אינסטיטוציע אַרבעט אומאויפהערלעך.

10 אזייגער אינדערפרי, דער 12טער אָקטאָבער, 1930.

מען האָט ראָזאַ'ן אַריבערגעפירט אין דער טורמע. אין זעלבן אויטאָ זיינען אויך געווען די צוויי חבר'טעס און נאָך צען אַנדערע חברים. פון אָסטראָוויע איז קיינער נישט געווען. זיי זיינען נאָך פאַרבליבן אין דער

דעפענזיווע. די חברים אין אויטאָ האָבן דערציילט, אַז זיי האָט מען געהאַלטן צו צוויי און אויך צו דריי וואָכן אין דער דעפענזיווע. עס זיינען אָבער דאָ אַנדערע, וועלכע מען האַלט דאָרט אָפ פינף און זעקס וואָכן אויך. ווען פון די מענטשן בלייבט דערנאָך גאָרנישט צוריק, דאַרף מען זיך נישט וואונדערן. יעדן טאָג און יעדע נאַכט קומען פאָר פייניגונגען. הויפזאַכלעך און דאָס שרעקלעכסטע קומט פאָר ביינאַכט. די חברים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַן איינציגער פאַל, וואָס מען פירט ראָזא'ן אַזוי גיך אַריבער אין דער טורמע. און דאָס, וואָס ס'קומט דערנאָך פאָר אין טורמע, האָבן זיי געזאָגט, איז אַ קלייניגקייט געגן דער דעפענזיווע.

כאָטש זיי האָבן גערעדט גאָר שטיל צווישן זיך, האָט דער אַגענט, וועלכער איז געזעסן אינעווייניג אין אויטאָ, אויף זיי אָנגעשריען, אַז זיי זאָלן „ליקווידירן די קאָנספיראַציע"...

אין אויטאָ איז מאָמענטאַל שטיל געוואָרן. ראָזא האָט זיך איינגעקוקט אין די פנים'ער פון די חברים, וואָס זיינען מיט איר געפאָרן. אַלע זיינען זיי געווען שטאַרק צעקאַליעטשעט. זיי זיינען גיכער ענלעך געווען צו אויפגעשוואָלענע, צעפרעסענע, פון דער ערד אַרויסגעגראָבענע טויטע... עס איז געווען שרעקלעך אויף זיי צו קוקן. און אַזעלכע צע'הרג'עטע מענטשן פירט מען נאָך געקאָוועט אין שווערע קייטן...

אין דער טורמע קאַנצעלאַריע האָט מען אַראָפגענומען פון יעדן געפאַנגענעם די פאָטאָגראַפיע, פינגער אָפדריקן, און אַ הויכער, דאַרער טורמע־באַאַמטער האָט אויפגעשריבן יעדנס נאָמען. מען האָט פונדאָסניי דורכגעזוכט יעדנס קליידער, און אַ וועכטערין האָט ראָזא'ן מיט די צוויי אַנדערע חבר'טעס אַרויפגעפירט אין ערשטן עטאַזש, און זיי איינגעשלאָסן אין דער קאַמער 16.

אין קאַמער איז געווען קאַלט און שמוציג. עס זיינען דאָרט געווען זעקס אייזערנע בעטלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרמאַכט צו דער וואַנט, אַ באַנק און אַ טיש. שפעטער האָט מען אויך אַריינגעבראַכט דריי שמוציגע שעניקעס מיט קאַצן. עס איז אַריינגעקומען דער טורמע־עלצטער און געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע ווי אַזוי מען זאָל זיך אויפפירן. צום פענצטער טאָר מען נישט צוגיין. דורן פענצטער טאָר מען נישט אַרויסקוקן. פאַר יעדער קלענסטער זאַך, וואָס ווערט נישט באַפאָלגט, ווערט מען שווער באַשטראָפט. ער האָט נאָך דערציילט וועגן „קאַרצער" און אַנדערע זאַכן...

ראָזא איז געזעסן אויף דער באַנק, עס איז געווען שטיל און קאַלט. זי האָט זיך געפרייט, וואָס זי וועט נישט דאַרפן מער אָנקוקן טקאַטשוק'ן און זאַרעמבאַ'ן. זי איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק, און מיט אַלע אָנגעשטריינגטע כוחות האָט זי זיך צוגעשלעפט צום פענצטער. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן די שטאַבעס און אַרויסגעקוקט.

אַ גרויסער הויף מיט אַ שטאַרק הויכן מויער אַרום. אַ הויף ווי געוויינלעך צווישן גרויסע וואוין־הייזער. עס איז דאָרט געווען אַ קליין גערטנדעל מיט שפורן פון בלומען. איצט איז דאָך האַרבסט, זיינען די בלומען נישטאָ. נאָר עטלעכע קינדער שפילן זיך דאָרט אין דעם קליינעם גערטנדל. און לינקס איז געווען אַ גרעסערער גראָז־פלאַץ מיט עטלעכע צעשטעלטע בוימער איבערן פלאַץ. נאָר די בוימער זיינען געווען נאַקעטע, אָן בלעטער.

עס איז דאָך האַרבסט. אין זומער בליען די בוימער און עס וואַקסן די בלומען. דאָס גאַנצע גרינע אַרום מוז זיין זייער אָנגענעם. און ערשט ווען די זון שיינט! נאָר היינט איז דער הימל פאַרכמאַרעט. אין פרילינג און אין זומער מוז די זון זייער שטאַרק ווירקן אויף די געפאַנגענע. די זון צווישן די בוימער, צווישן די בלומען, און ווען די זון שיינט נאָך אַריין אין פענצטער...

ראָזא האָט זיך אַביסל נענטער צוגעבויגן צו די גראַטעס. זי האָט זיך געוואָלט צוקוקן ווי די קינדער שפּילן זיך אינדרויסן.

פיר קינדער, קליינע און אַזעלכע באַ'טעמ'טע. זיי שפּילן זיך מיט שטיינדלעך און מיט לאָפּאַטקעלעך. פון די שטיינדלעך שטעלן זיי אויף קליינע הייזעלעך. און מיט די לאָפּאַטקעלעך צעגראָבן זיי די ערד — — —

אַ בונט שליסל האָט געקלונגען איבערן קאָרידאָר, ראָזא האָט זיך אַוועקגערוקט פון פענצטער.

מען איז צו זיי אין קאַמער נישט אַריינגעקומען. ראָזא האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק צווישן די חבר'טעס.

עס איז צעביסלעך טונקל געוואָרן אין דער קאַמער. מען האָט געבראַכט עסן, אַ זופּ און אַ שטיקל ברויט פאַר יעדער. נאָר ראָזא האָט נישט געקאָנט שלינגען. די חבר'טעס האָבן פאַר איר צורעכט געמאַכט דאָס געלעגער, און זי האָט זיך אַנידערגעלייגט. אָבער אויך ליגנדיג איז איר שלעכט געווען. די פּלייצע האָט געברענט, די זייטן האָבן געשטאָכן, און פאָרנט האָבן די ברוסטן שרעקלעך געוויטאָגט. אויך דער בויך האָט זיך איר געפילט באַזונדערס שווער — עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, נאָר ווי עפּעס אַ שווערע טויטע מאַסע ליגט דאָרט אינעווייניג ביי איר אין בויך... די חבר'טעס זיינען לעבן איר געשטאַנען און נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין מינוט.

עס איז געווען גאַנץ שטיל אין דער קאַמער. הויך אונטערן סופיט האָט געברענט אַן עלעקטריש לעמפּל.

אין קאָרידאָר האָבן געקלונגען שליסלען, מען האָט אויפגעשלאָסן די טיר און מען האָט אַריינגעלאָזן אין דער קאַמער נאָך אַ חבר'טע. אינײנעם מיט איר האָט מען אויך אַריינגעשטעלט נאָך אַ שעניק.

די, וואָס איז אַריינגעקומען, האָט געהייסן רחל טאַשמער. וואַריאַ, די פון דאָרף, האָט זי שוין געקענט פון דער דעפענזיווע. מען האָט זי דאָרט צוויי וואָכן לאַנג שרעקלעך געשלאָגן. דאָס גאַנצע לייב אירס איז געווען צעשטאָכן מיט נאָדלען, מען האָט ביי איר אַרויסגעריסן גאַנצע פּטלעס האָר, און עטלעכע מאָל האָט מען זי געשענדעט. דאָס האָט זיך וואַריאַ צוגעבויגן צו ראָזא'ן און זי האָט עס איר דערציילט אינדערשטיל.

די צוגעקומענע חבר'טע, רחל טאַשמער, האָט זיך געזעצט אויפן שעניק, דאָרט וואו מען האָט אים אַוועקגעלייגט. זי האָט נערוועז געציטערט מיטן קאָפּ און מיטן גאַנצן לייב. אירע אויגן זיינען געווען אַזעלכע, ווי ביי אַ ווילדן מענטש. די גאַנצע צייט האָט זי מיט זיך אַליין גערעדט...

ראָזא האָט באַקומען אַ בלוט־שטורץ. די חבר'טעס האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. וואַריאַ איז צוגעלאָפן צו דער טיר און שטאַרק געקלאַפּט. באַלד איז אָנגעקומען דער דאָזאָרצע (אויפזעער). ער האָט זיך געבייזערט, פאַרוואָס זי קלאַפּט אַזוי שטאַרק אינדערנאַכט. ווען וואַריאַ האָט אים געזאָגט וואָס עס איז געשען, האָט ער נאָך מיט מער בייזקייט געענטפערט:

— נו, איז וואָס? געזען שוין אַזעלכע זאַכן! דאָ איז אַ טורמע און נישט קיין האָטעל...

מיט דעם איז ער אוועקגעגאַנגען. די מיידלעך האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען, כדי ראָזאַ׳ן צו העלפן. נאָך עס האָט גאַרנישט גע־האָלפן. דער בלוט־שטורץ האָט זיך נישט געשטילט. זיי זיינען אַלע דריי ווידער צוגעלאָפן צו דער טיר און פונדאָסניי אָנגעהויבן קלאַפּן. אין דער דערבייאיגער קאַמער האָט מען אויך געקלאַפּט — עס זיינען אָנגעלאָפן עט־לעכע אויפזעער, זיי האָבן געדראָט, אַז אויב מען וועט נישט שטיל זיין, וועלן זיי יעדן איינעם אַריינוואַרפן אין אַ באַזונדער קאַרצער... אינצווישן איז אָבער אָנגעקומען אַ דאָקטאָר. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַ חוץ דעם בלוט־שטורץ האָט ראָזאַ אין דער איינענער צייט אויך געהאַט אַ טויט־געבורט.

דער דאָקטאָר איז ביי איר זייער לאַנג געבליבן. ער האָט איר געמאַכט עטלעכע איינשפּריצונגען. צום שטאַרשי (עלצטן) האָט ער גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז אויב זי וועט נאָך אויסהאַלטן ביז אינדערפרי, מוז מען זי באַלד אַרי־בערפירן אין שפּיטאָל אַריין.

אַ וועכטערין האָט ביי איר געמאַכט אַביסל אָרדענונג, פאַרווישט דאָס פאַרגאָסענע בלוט און אוועקגעטראָגן דאָס אָפּגעגאַנגענע שטיקל טויט פון איר לייב אין אַ שמאַטע...

די דריי מיידלעך האָבן זיך נישט אוועקגערירט פון איר בעט אַ גאַנצע נאַכט.

באַלד אינדערפרי האָט מען ראָזאַ׳ן אוועקגעפירט אין שפּיטאָל אַריין.

דאָס איז געווען דער 13טער אָקטאָבער, 1930.

אינגאַנצן דער פינפטער טאָג נאָך איר אַרעסטירונג. אין געציילטע עטלעכע טעג האָט מען אוועקגעה׳רג׳עט איינעם נאָכן אַנדערן די אַכט און זיבעציק מענטשן פון איר דאָרף.

געשען איז דאָס אין הויז פון וואָיעוואָדע אין לוצק.

איצט איז נאָך דאָ פאָלגנדעס צו באַריכטן:

ראָזאַ איז פאַרבליבן אין לוצקער שפּיטאָל ביז צום 22טן דעצעמבער. אין יענעם טאָג האָט מען זי אַריבערגעפירט אין וואַרשעווער שפּיטאָל. דאָרט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די רעכטע לונג איז אָפּגעהאַקט, די בלוטונג איז אוממעגלעך צו שטילן, און אַז דאָס האַרץ איז ווייט גערירט פון אָרט.

אינצווישן איז די וועלט אַביסל געוואָר געוואָרן פון די לוצקער גע־שעענישן. אין סעים האָט מען וועגן דעם אינטערפּעלירט. צוליב דעם קומט אין שפּיטאָל אַריין אַ דעלעגאַט פון יוסטיץ־מיניסטעריום, און נעמט אויף ביי ראָזאַ׳ן אַ פּראָטאָקאָל. יעדעס וואָרט, וואָס זי זאָגט, דרייט ער איבער — און ער שטעלט צונויף אַ פּראָטאָקאָל לויט די מעטאָדן פון דער דעפענזיווע. אַזאַ פּראָטאָקאָל וויינערט זיך ראָזאַ אונטערצושרייבן. דער דעלעגאַט פון יוסטיץ־מיניסטעריום זאָגט צו איר ווערטערלעך:

— אויב דו וועסט נישט צוריקציען די פאַלשע קלאַגען וועגן דעם לוצקער דעפענזיווע — וועסטו באַקומען לעבנסלענגלעך...

ראָזאַ זאָגט אים איר קלאָרע און שאַרפע מיינונג דעריבער.

דער דעלעגאַט פּוילט זיך נישט און קומט נאָכאַמאָל — נאָר שוין אין אַ באַשטימטער צייט — דעמאָלט, ווען זי האָט ווידער אַ שטאַרקן בלוט־שטורץ און איז דערבײַ האַלב־באַוואוסטלאָז... ער נעמט איר האַנט, רעדט וועגן פּולס, און הייסט זי אויפשרײַבן איר נאָמען... ראָזאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט און פון אים אַרויסגעריסן די האַנט. דער דעלעגאַט פון יוסטיץ־מיניסטעריום זידלט זי אָפּ און גייט אַוועק.

דעם 21טן אַפּריל, 1931, פירט מען זי צוריק אין לוצקער טורמע... זי ווערט געוואָר, אַז דאָס איז אַ באַשטראָפונג — פּאַרוואָס ווייסט זי שוין...

אין לוצק הערט זי, אַז אויך אַלע אַנדערע צעשלאָגענע פון איר דאָרף זײַנען געלעגן די גאַנצע צייט אין שפּיטאָל. פינף מענטשן זײַנען פון שפּיטאָל נאָך נישט אַרויסגעקומען. צווישן זיי: גאָלדמאַן און זשוק. מ׳דערציילט איר, אַז קאַליקעס זײַנען כמעט אַלע געבליבן... ראָזאַ בלײַבט אין טורמע טראָץ אירע אומאויפהערלעכע בלוט־שטורצן.

דעם 11טן און 12טן אָקטאָבער, 1931 (פּונקט צום אויסגערעכנטן יאָר־טאָג...), איז פאָרגעקומען אין קאָוועל דער געריכט. פאַרן געריכט זײַנען געשטעלט געוואָרן בלויז 9 מענטשן. (די איבעריקע אַרעסטירטע פון דאָרף אָסטראָוויע: 67 מענטשן האָבן באַקומען זייער „גערדיינק־צעטל" אין דער לוצקער דעפענזיווע, און מען האָט זיי „באַפרייט"; צוויי מענטשן זײַנען דער׳הרג׳עט געוואָרן).

געגן די 9 אָנגעקלאָגטע האָט דער געריכט געשטעלט 9 עדות: 6 אַגענטן און 3 פּראָוואָקאַטאָרן. דאָס זײַנען די דרײַ ברידער ווייסברויט, וועלכע האָבן פריער געלעבט פון די אָסטראָוויער פּויערן, דערפאַר וואָס זיי האָבן בײַ די פּויערן אויפגעקויפט פאַר אַ האַלב געלט גרויסע טראַנספּאָרטן פיש — דער קאָאָפּעראַטיוו האָט בײַ זיי אָבער אַוועקגערויבט די עקספּלואַטאַציע. צוליב נקמה האָבן זיי זיך פאַרקויפט דער דעפענזיווע... קיין אַנדערע עדות זײַנען נישט געווען.

אַלס זאַך־באַווײַזן האָט דער געריכט אָנגעגעבן: שטאַנדאַרן מיט קאָמוניסטישע לאָזונגען (ראָזאַ׳ס לאָמפּן־שטאָף...), קאָמוניסטישע אויפרופן (אונטערגעוואָרפענע...), זעשעטעס, אויפצייכנונגען און לעגאַלע צײַטשריפטן.

די 9 אָנגעקלאָגטע האָבן פאַרן געריכט אָפן און אַלץ גענוי דערציילט וועגן די שרעקלעכע פּײַניגונגען פון דער מערדערישער לוצקער דעפענזיווע. דערפאַר זײַנען זיי באַשטראָפט געוואָרן צו פיר און דרײַ יאָר שווערע טורמע...

די פאַר׳משפּט׳ע האָט מען צעשיקט אין פאַרשידענע ערטער. ראָזאַ איז פאַרשיקט געוואָרן אין די לעמבערגער באַרימטע „בריגידקעס". אויך דאָרט האָט מען זי נישט געגעבן אין קיין שפּיטאָל, כאָטש איר געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. די בלוט־שטורצן האָבן נישט אויפגעהערט. נאָר דער דאָקטאָר האָט איר אָפן דערקלערט, אַז זי איז נישט מער היילבאַר. ערשט ווען איר לאַגע איז געוואָרן גאָר געפערלעך, האָט מען זי אַרויסגעלאָזט אויף אַ טויט־אורלויב...

איך האָב זי אויפגעזוכט אין דער פּראָווינץ בײַ אַ חבר. אַלץ וואָס איך האָב דאָ אויפגעשריבן, איז אַ פּינקטלעכע באַאַרבעטונג לויט ראָזאַ צימער־מאַן׳ס אָריגינעלע אויפצייכנונגען, וועלכע געפינען זיך בײַ מיר.

צום סוף דאַרפֿן מיר נישט פֿאַרגעסן נאָך אַ בלוטיגן נאָמען: דאָס איז דער ריכטער דעמאָנט, פּילסודסקי׳ס בעסטער פֿריינט און הויפּט־אָרגאַני־זאַטאָר פֿון דער לוצקער דעפֿענזיווע.

מיר רופֿן צו דיר, פּראָלעטאַרישע וועלט!

דאָ האָבן מיר נישט דערציילט קיין „איינצל־עפּיזאָד". דאָ האָבן מיר איבערגעגעבן פֿון טויזנטער — צוויי בלוטיגע דאָקומענטאַרישע פֿאַקטן. ווייטערע פֿאַקטן וועלן נאָך פֿאַרעפֿנטלעך ווערן. די אַלע מענטשן, אויב זיי לעבן נאָך, געפֿינען זיך אין פּוילן. אויך איך בין אַ פּוילישער בירגער. די פּוילישע טעראָר־רעגירונג קאָן זיך מיט אונז אַלע דערפֿאַר בלוטיג אָפּרע־כענען. אָבער צי קאָנען מיר צוליב דעם שווייגן?

צענדליגער טויזנטער מענטשן ווערן אויפֿן ברוטאַלסטן, אויפֿן בעסטיאַ־לישסטן אופֿן פֿאַרפּייניגט און פֿאַרניכטעט. טאָג־טעגלעך ווערן צעשניטן און צעפּיצלט די אידעאַלסטע, די העלדישסטע קינדער פֿון דער מענטשהייט. ווער עס ווערט נישט דערמאָרדעט, וועמען מען וואַרפֿט נישט אַריין אין טייך — דעם שטעקט מען אָן מיט סיפֿילים און מיט אַנדערע געפֿערלעכע קראַנק־הייטן, אָדער מען מאַכט אים פֿאַר אַ פֿיזישן און גייסטיגן קריפּל.

דאָס טוען הויכע רעגירונגס־אָרגאַנען, קאָמיסאַרן און ריכטער! דאָס טוען מיניסטער־דעלעגאַטן, רויטע־קרייץ דעלעגאַטן, דאָס ווייסט די גאַנצע באַפֿעלקערונג, דאָס באַפֿעלט פּילסודסקי!

די גאַנצע פּוילישע טעריטאָריע איז איין ריזיג שעכטהויז. דאָ ווערן געשאָכטן מענטשן...

און פּוילן ליגט אינמיטן אייראָפּע! אינמיטן דער שטאָלצער, הומאַני־טאַרער, קולטורעלער, פֿעלקער־בונדישער און פּאַן־אייראָפּייאישער אייראָפּע... און אַרום ווימלט עס מיט דיכטער, מיט פֿילאָזאָפֿן — גרויסע „גייסטער" — זיי פּאַטשקען זיך אין „ליבעס" און זיי באַברען זיך אין הומאַנע פֿאָרמולעס... אָבער די גרוילהאַפֿטיגע מאַסאַקרעס פֿון טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואָס קומען פֿאָר טאָג־טעגלעך פֿאַר זייערע אויגן, דאָס גייט זיי נישט אָן! דאָ זיינען זיי בלינד... זייער „קינסטלעריש געוויסן" ווערט דאָ פֿאַרנעפּלט, און זייערע „אידעאַלע געפֿילן" ווערן דאָ טעמפּ און גע׳פּטר׳ט!

דאָס זיינען די „עסטעטישע פּרינצן" — אייערע פֿאַלשע פֿריינט, פּראָ־לעטן — איר זאָלט זיי דערקענען!

מיר רופֿן צו דיר, פּראָלעטאַרישע וועלט! הער דעם לעצטן אויפֿגע־שריי פֿון דיינע געשאָכטענע חברים... פֿאַרברען דאָס פּוילישע שעכטהויז, און אַלע שעכטהייזער פֿון דער גאַנצער וועלט!

ביאַליסטאָק

צוויי הונדערט פּאָליטישע אַרעסטירטע, — ד. ה. די, וואָס זיצן פאַר־משפּט פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. צו זיי רעכנט צו נאָך הונדערטער און טויזנטער אוקראַינער און ווייס־רוסן, וואָס זיצן פאַר זייער קאַמף פאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכטן, אָדער פאַר ניט קענען אָדער ניט וועלן צאָלן שטייערן.

די לעבנס פון אָט די אַלע הונדערטער אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה זיינען געשילדערט אין די צוויי דאָקומענטן פון זיסקינד ליעוו. אָנשטאָט לעמבערג און לוצק שטעלט אַוועק ביאַליסטאָק. אָנשטאָט עטקע און ראָזא שטעלט אַוועק נאַדיע און זעלדע, און די דאָקומענטן ווערן אונזערע, ביאַליס־טאָקער. און אפילו דער פינאַל, וואו די פאַרפייניגטע ראָזא געפינט דעם פ. ס. ר. אַלץ דעם פּלאַץ צו היילן אירע וואונדן, אַזוי אויך אונזער נאַדיע ראַטעוועט איר יונג לעבן דורך די חבר׳ישע הענט פון די אַרבעטער און פּוי־ערים פון פ. ס. ר.

אָנשטאָט צו דרוקן די צענדליגער בריוו, צוגעשיקט צו אונז פון ביאַ־ליסטאָק, פאַרעפנטלעכן מיר די דאָקומענטן פון זיסקינד ליעוו. זאָלן די דאָקומענטן דערציילן פון די פּיין און לידן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה די ברייטע אידישע אַרבעטער־מאַסן. לאָמיר נעמען אַ זייט פון איין בריוו — — —

„. . . עפנט! היינטישע זין! מיר וועלן די טיר צעברעכן! אַ טראַסקעריי און אַ קלאַפּעריי אין טיר. איך גיב צוויי טריט צוריק, איך בין אַרומגע־רינגלט. אין אַלע פענצטער קוקן פּאָליצייאישע אויגן און היטן מיין יעדע באַוועגונג.

טראַך! טראַך! ס׳הודזשעט אונטער דער טיר. נאָך אַ קלאַפּ, אַ זעץ, און ס׳שיטן זיך אַריין אַ מאַן פינף, מונדיראָווע און ציווילע, מיט געווער אין די הענט, מיט קללות און זידלערייען ביי יעדן וואָרט.

— דאָס ביסטו! פאַרשאָלטענער כ...? ! געפּאַקט דיך, מיין ליב פּוי־געלע! דו וועסט שוין פוילן אַביסל ביי אונז אין קליאַטקע, דו הינטישע מאָרדע!

איך פאָדער זיך פאַרהאַלטן מענטשלעכער און בעט אַ דערלויבעניש אויף אַ רעוויזיע.

אַלץ ווערט איבערגעקערט. פעדערן, וועש, בעטגעוואַנט, טישן, שטולן, פּאַפּיר — אַלץ וואַלגערט זיך אין שטוב, ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

ס׳קלינגען קייטן. איך פּראָטעסטיר. אַרומגערינגלט פון פינף מאַן „שפּאַציר" איך צו דער דעפענסיווע.

און דאָ! אַ געוועזענער קלויסטער, אַ קאָרידאָר, צימערן, אַ געלויף פון מענטשן. ניין! ניט קיין מענטשן. חיות מיט בלוטדאָרשטיגע אויגן. זיי קוקן אויף מיר בייז, וואַרפן צו גאַסן־ווערטער, אַנדערע באַווייזן אָנגעביילטע

פויסטן. אַ קליינער צימער, אַ טיש, שרייב־מאַטעריאַל, שטולן. און ביים ברעג טיש דער באַוואוסטער „כירורג" אַספּיראַנט ק.

— גוט מאָרגן, כאַווער!

כ'ענטפער ניט, און זעץ זיך אויפן צווייטן שטול. כ'בין קראַנק געווען און ניט געקענט איינשטיין אויף די פיס. איך פאַל אויף הינטן. אַ קלאַפּ פינצטער... ניטאָ קיינער, דאַכט זיך?

אַ געלעכטער. אַ ווילדער, מעפיסטאָפלישער געלעכטער. נאָר באַלד ווערט עס אַנטשטומט. כ'וויל אויפשטיין, נאָר וואָס איז דאָס? אַ גרויסער שוך שטייט אויף מיין ברוסט. איך קען ניט אָטעמען און עס שומט מיר אין קאָפּ.

ווען כ'האָב צוריק באַקומען דאָס באַוואוסטזיין האָב איך זיך דערזען אין דער פּוילישער פּאַשיסטישער דעפענסיווע. די הענט און פיס מיט אַ שטעקן געשמידט אַזוי, כ'זאָל זיך ניט קענען רירן. אַרום מיר ניין ווילדע חיות, גרייט אָנצופאַלן אויף זייער קרבן.

מען וואַרפט מיר פאָר אין געהערן צום קרייז־קאָמיטעט אַלץ טעכניקער. די ליטעראַטור, זאָגן זיי, האָב איך נעכטן איינעם געגעבן. יענער, זאָגן זיי, באַשטעטיגט עס. זיי פאָדערן ביי מיר מיט גוטן זיי געבן אַלע פאַרבינדונגען מיטן צ. ק., אַרויסגעבן די מיטגלידער, און אַ. וו.

אַכצן הענט מיט אָנגעביילטע פויסטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף מיר: אין פּנים, ברוסט, קאָפּ, פּלייצע. כ'ליג אונטער אַ דרעש־מאַשין און יעדעס מאָל פאַלן אַראָפּ אויף מיר אַכצן שווערע דרעשעס. עס שווינדלט אין די אויגן, פינצטער.

ווידער פויסטן, שטעקנס, בלוט, צערייצטע חיות. אַ געמיש פון הענט, שטעקנס, האָר, געריסענע בגדים, ווילדע, חיה'שע קולות, אַ קרעכץ, אַ קלאַפּעריי, פינצטער, נאַס פון געגאָסענע וואַסער.

געלעכטער, שונד־ווערטער. פאַר מיינע אויגן אַ שפּיגל. איך זע אַ צעביילטן פּנים. אַ האַלבע קאָפּ האָר אויסגעריסן. פון קאָפּ בלוט, פון פּנים בלוט.

ס'איז טונקל. אַ געמיש פון פאַרשיידענע געשרייען. ווער שרייט עס? מוזיק? יאָ, אַ גראַמאָפאָן, מוזיק. ס'רעוועט דער אויטאָמאָביל אויפן הויף. וואָס איז עס פאַר אַ קאַצן־יאָמער? און מיטאַמאָל אַ פאַרשטיקטער קול: „געוואַלט! אוי, אוי!" אַ קרעכץ, און ווידער גראַמאָפאָן־מוזיק, אויטאָ־רעוועריי, אַ קלאַפּעריי פון אַ סך טריט, אַ קרעכץ.

יאָ, מען פייניגט שוין איינעם, און זיינע געשרייען ווערן פאַרטויבט אין געמאַכטן קאַצן־יאָמער. די פרייע זאָל חלילה ניט דערהערן.

מען קלאַפּט אין טיר. יאָ, מ'גייט מיך פירן צו דער אינקוויזיציע..

— ווי געפעלט דיר אונזער מוזיק? דו וועסט טאַקע שווייגן? מיר וועלן זען!...

אַ קאָרידאָר, טרעפּ. מען שלעפּט מיך און איך קייקל זיך ווי אַ פּעקל פון איין שטאַפּל אויפן צווייטן. ווידער טרעפּ. רעכטס אַ טיר מיט אַ גרויסן אויפשריפט „סטאַראָסטאַ אויף פּאָוויאַט". לינקס אַ טיר „סעקרעטאַר". מען פירט מיך דאָרט אַריין. אַ טיש, אַ שאַפע, שטעקנס, גומי־פּאַלקעס, אייזערנע פּרענטן, פּלעשער, וואַסער־שטורצן, קייטן, אַ טשערעפּ. אויפן פּאָדלאָגע זאַמד,

נאַס, בלוט־צייכנס, אַ גערוך פון בראַנפן. בלוט, גאַזע, מיסט. אַ געלעכטער. מיטאַמאָל אַ געזאַנג, אַ שניידנדיגער, שפּאַסנדיגער געזאַנג.

— וואָס מיינסטו זיך, כלב איינער! מיר וועלן זיך צאַצקען מיט דיר, אַ שאָד אונזער געדולד. דו זאָגסט, אָדער ניין?

איך שווייג. אַ באַפעל: אַרומוויקלען אים! איך זע גאָרניט. ס'איז מיר שווער צו אָטעמען, אַלץ אַרום מיר טומלט, אַ קלאַפּעריי פון דרענגער, קייטן, אַ פּייפעריי פון גומי־פּאַלקעס. פאַר די אויגן איז טונקל. איך בין געקומען צו זיך. אַלץ טוט ווי. עס ברעכן די ביינער. אויף די זאַכן בלוט, וואַסער, זאַמד. אַרום מיר זיבן העגקער. זיבן חיות מיט ווילדע, חיה'שע בליקן. זיי באַטראַכטן מיך „ערנסט".

— אַ שאָד! וואָס האָבן מיר געמאַכט פון אַ מענטשן? דיר טוט ווי?

— איך האָב אָבער געזאָגט, מ'זאָל אים ניט שלאָגן, ער וועט אַליין זאָגן.

— ווי האַלט עס? ביסטו זיך מודה, צי ניין?

איך שווייג.

— נו, אויב אַזוי, קורוועס'שער זון, וועלן מיר זען ווער עס איז שטאַר־קער. — און גלייך נאָכדעם אַ באַפעל: „וואַסער מיט פּיאַטקעס!"

כ'ליג אויפן טיש. די פיס באָרוועס. מ'האַלט די קאָפּ, די פיס. דער מויל פאַרשטאָפּט. יעדער פון די העגקער פאַרנעמט זיין פונקציע. אַלץ ווערט געטאָן ראַציאָנאַל. נאָך אַ קאָמאַנדע און... פאַרענטן, גומעס, שטעקנס איבער זיך ניט אָטעמען, כדי ניט אַריינציען דאָס וואַסער, נאָר דער ווייטאָג פון די פּיאַטעס, נאַפּט און וואַסער אין נאָז. ס'ווערט געטאָן צום טאַקט. איך באַמי די פּיאַטקעס העלפט זיי אַרויס. עס שטיקט, עס שטעכט ווי מיט טויזנטער נאָדלען. אַלץ שווינבלט אַרום. איך וויל זיך אַ דריי טאָן אין אַ זייט, נאָר גרויסע פלייִשיגע לאַפּעס האַלטן מיך צו שטאַרק. דער ווייטאָג ווערט וואָס ווייטער שטאַרקער, נאָך אַ ווײַלע און איך ווער דערשטיקט, נאָך אַ ווײַלע און די פיס ווערן צעפלויגן אויף ברעקלעך. נאָר... עפּעס טוט שוין ניט ווי אַזוי שטאַרק. און ביסלעכווייז מאַכן זיך מיר צו די אויגן. און אין מויל פיל איך אַ וואַרימע קלעפּיגקייט רייצן.

אַ קלאַפּ מיטן טיר און גייט אַוועק. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריק דאָ. — דער זייגער איז שוין פינף! — צעשרייט ער זיך. — ס'וועט זיך שוין באַלד נעמען קליבן דער פּערסאָנאַל. מאַכט אָרדענונג און איך וועל זיך אָביסל פאַרנעמען מיט אים!

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרבייסונג. עלעקטרישער שטראָם צו די פיס. ברעכן די פינגער אין טיר. מיט בייזיגע הענטלעך פון פּענעס, נאָדלען אונטער די נעגל, אין געשלעכטס־אָרגאַן. אַ קאָפּע מיטן פוס. נאָך אַ קאָפּע — און ווי אַ פילקע האָב איך זיך אַראָפּגעקייקלט פון אַלע טרעפּ.

אין קאַמער האָט מען מיך אַריינגעבראַכט אַ צעביילטן: אַ קופּע בלויז אויסגעקלאַפּטע פלייש. קיין ווייטאָג האָב איך שוין ניט געפילט. אַלץ אין מיר איז געווען טויט. דער געדאַנק האָט נאָר געלעבט — — —

און דאָס אַלץ איז בלויז אַן אָנהויב צו די קומענדיגע ליידן אויף יאָרן, צו זיצן אין קאַלטע קאַמערן אָן אַ שטיקל פּאַפּיר צו שרייבן, אָן אַ בוך צום

לייענען, און אָן מעדיצינישער הילף, אָן וועלכע ניט־איז סאַניטאַרישע באַדינ־גונגען, און אויך הונגעריג.

און דערפאַר טאַקע האָבן מיר, די מיטגלידער פון הילפס־קאָמיטעט צו שטיצן די פּאָליטישע געפאַנגענע אין דער ביאַליסטאָקער קאַטאָרגע, חודש־איין, חודש־אויס געשיקט געלט, געשיקט קליידער, און אָנגעפירט מוטיגע פּראָטעסט־אַקציעס געגן דער פּוילישער פאַשיסטישער רעגירונג. און אויך העלפן מיר איצט אַרויסברייגנען די דאָקומענטן פאַר דער ברייטער וועלט.

דוד ב.

נאַדיע פּערלשטיין

זעלדע טשענסער (אונטן רעכטס)

נאָווי־דוואָרער הילפּס־קאָמיטעט

דער הילפס־קאָמיטעט פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע אין נאָווי־דוואָר האָט צו באַזאָרגן דעם שטח ווי : נאָווי־דוואָר, זאַקראָטשים, יאַבלאָנע, פּוניעכאָווע, זעגזשע, און אַלע דערפער אַרום די שטעטלעך.

איז געווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן צו העלפן די קלאַסן־קרבנות פון פּוילישן פאַשיזם.

די אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן זיך שטענדיג אָפּגערופן אויף די הילפס־רופן פון די אייראָפּיאישע אַרבעטער.

הילפס־קאָמיטעטן זענען נישט קיין נייעס אין די פאַראייניגטע שטאַטן. עס איז שוין אויך אפילו געווען א הילפס־קאָמיטעט פאַר די נאָווי־דוואָרער לאַנדסלייט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן, נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס דער קאָמיטעט האָט דאַן איבערגעשיקט 3.000 דאָלאַר, האָט דאָך דער קאָמיטעט אויפגעהערט צו עקזיסטירן צוליב זיין צעשוואומענעם כאַראַקטער.

דער הילפס־קאָמיטעט פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין זומער 1931, אויף דער איניציאַטיוו פון א גרופּע באַוואוסטזיניגע אַרבעטער, האָט זיך געשטעלט א קלאָרן ציל צו העלפן די קלאַסן־קרבנות פון פּוילישן פאַשיזם.

כאָטש עס איז אמת, אז פאַר דער קורצער צייט, וואָס מיר עקזיסטירן, איז אונז נאָך ביז היינט נישט געלונגען צו שאַפן אַרום אונזער אַרבעט א מאַסן־באַוועגונג, קאָנען מיר שוין אָבער היינט צו־טאָג פאַרצייכענען א רייע אויפטואונגען אויף דעם געביט.

עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַן איינגע פאַרבינדונג מיט דעם נאָווי־דוואָרן אָפּטײל פון „מאָפּר" (רויטע הילף) אין פּוילן..

עס איז אונז געלונגען אריינצוציען אין דער אַרבעט חברים לאַנדסלייט פון שיקאַגאָ און לאָס אַנדזשעלעס, וועלכע העלפן אונז פיל מיט אין דער אַרבעט.

מיר האָבן דעם 16טן דעצעמבער, 1932, צוזאַמען מיט די ביאַליסטאָקער און טשענסטאָכאָווער אָרגאַניזירט א געמיינזאַמען פּראָטעסט־מיטינג געגן די פּאָגראָמען אין פּוילן.

אונזער קאָמיטעט באַטייליגט זיך אין אַלע אַקציעס געגן פּוילישן פאַשיזם, ווי דעמאָנסטראַציעס, קאָנפערענצן און אַנדערע טעטיגקייטן.

פאַר דער צייט פון אונזער עקזיסטענץ האָבן מיר איבערגעשיקט איבער 300 דאָלאַר רעגלמעסיגע, מאָנאַטלעכע הילף.

פון דער סומע איז אויסגעטיילט געוואָרן הילף צו צענדליגער פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע זיצן פון 1 יאָר ביז 10 יאָר. א סך פּאָליטישע אַרעסטירטע זיינען פון די אויסערגעוויינלעך שלעכטע באַדינגונגען, וועלכע הערשן אין די טורמעס, קראַנק געוואָרן און זיי נויטיגן זיך אין ספּעציעלער הילף.

עס איז אויך דורך אונז באַזאָרגט געוואָרן יורידישע הילף — מיר האָבן צוגעשטעלט אַדוואָקאַטן צו צענדליגער פּאָליטישע פּראָצעסן, און א דאַנק דער הילף איז אָדער די שטראָף פאַרקלענערט, אָדער דער אָנגעקלאָגטער איז אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן.

מיר האָבן דורך דער צייט געהאַט אונזער פאָרשטייער, חבר סעם באָרנ־שטיין, אין נאָווי־דוואָר, וועלכער האָט אויפן אָרט אויסגעפאָרשט די לאַגע, און צוריקקומענדיג באַשטעטיגט ווי נויטווענדיג אונזער הילף איז פאַר די קלאַסן־קרבנות פון פוילישן פאַשיסטישן רעזשים.

פאַנגען ווערן געשאַפן דורך דער איבערגעגעבנקייט פון די חברים פון קאָמיטעט, דורכפירנדיג פאַרשידענע אונטערנעמונגען פאַר דעם צוועק. א דאַנק דעם זיינען מיר בכוח, צוזאַמען מיט די ביאַליסטאָקער און טשענס־טאָכאָווער, אַרויסצוגעבן אַט־די בראָשורע פון חבר זיסקינד ליעוו „פוילן — א שעכטהויז פאַר מענטשן" — א היסטאָרישער דאָקומענט, וועלכער שפּיגלט גרינדלעך אָפּ די ליידן פון אונזערע געפּייניגטע און געשענדעטע חברים אין די טורמעס פון פאַשיסטישן פוילן.

מיר זיינען זיכער, אַז די פאַקטן, וועלכע ווערן דאָ אין דער בראָשורע אָנגעגעבן, וועלן עפענען די אויגן פון אַ סך אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך ביז איצט באַצויגן סקעפּטיש צו אונזער אַרבעט און זיינען געשטאַנען פון דערווייטנס.

מיר אַפּעלירן דעריבער צו יעדן רעכטדיינקנדיגן מענטש נאָווידוואָרן לאַנדסמאַן בכלל און צו יעדן אַרבעטער בפרט זיך אָנצושליסן אין אונזער קאָמיטעט און אונז העלפן דערפילן דעם חוב צו די קלאַסן־קרבנות פון פוילישן פאַשיזם. וואָס גרעסער אונזער הילף וועט זיין, אַלץ מעכטיגער וועט זיין אונזער קאַמף געגן דער פּילסודסקי־פּאָגראָם־רעגירונג.

ל. קירשטיין, סעקרעטאַר

א. קאַרצאָוויטש, טרעזשורער

טשענסטאָכאָווער ראַיאָנער קאָמיטעט צו העלפן פּאָליטי־שע געפאַנגענע אין פוילן

(באַשטייט פון טשענסטאָכאָוו, פּיעטרקאָוו, בענדין, סאָסנאָוויץ, זאַווערטשיע, דאָמבראָווע, קיעלץ, קאַליש, נאָוואָראַדאָמסק, זאַלאָשין און אומגעגנטן)

חברים און פריינט!

מיר, דאָ אין אַמעריקע זייענדיג פאַרנומען מיט אונזער טאָג־טעגלעכע קאַמפּן, האָבן פיל־ווייניג געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין אונזער אַמאָליגן היימלאַנד פוילן — אין געוויסערמאָסן אין אונזערע געבורט־שטעט, וואו מיר האָבן אונזער יוגנט פאַרבראַכט.

מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק איז געקומען פון אַ באַזוך אין טשענסטאָ־כאָווער ראַיאָן אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער היגער טשענסטאָכאָווער קאָלאָניע. ער האָט אונז געבראַכט אַ באַריכט וועגן דער לאַגע אין פוילן בכלל און ספּעציעל וועגן דער לאַגע פון די אידישע און פוילישע אַרבעטער־מאַסן אין אונזערער טשענסטאָכאָווער ראַיאָן.

לאָמיר אויף אַ וויַיל אויפמערקזאַם צוהערן אַט־דעם באַריכט:

„פוילן וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אַלס מלוכה מיט דער הילף פון טרויעריג־באַרימטן ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך, ווערט רעגירט פון דעם סאַמע רעאַקציאָנערסטן טייל פון די פוילישע פּריצים. פוילן — איז אַ וואַסאַל

פון אימפעריאַליסטישן פראַנקרייך. די עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם פוילישן אַרבעטער און פויער איז די נידעריגסטע פון גאַנץ אייראָפּע. פוילן האַלט אויף אַ ריזיגע אַרמיי, פּלאַט, און אַ ריזיגע נעץ פון פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע, געהיים־פּאָליציי, דעפענסיווע (טורמעס), קאַטאָרגעס און תליות.

אויפצוהאַלטן אַזאַ אַפּאַראַט פאָדערן זיך אומגעהויערע סומען געלט. דאָס געלט פאַר דעם צוועק ווערט אויסגעצאַפּט פון שווייס און בלוט פון אַרבעטער און פון פאַבלהאַפטע שטייערן אויף דעם רואינירטן בירגער.

דער אַרבעטער און פויערים־קלאַס אין פוילן, ניט קאָנענדיג אַריבער־טראָגן דעם שווערן הונגער און אויסבייטונג־יאָך, רעוואָלטירט. אַרבע־טער דערקלערן סטרייקס, פויערים קעמפן אויף לעבן און טויט געגן די שטייער־באַאמטע.

די פוילישע פאַשיסטישע רעגירונג נעמט די סאַמע גרויזאַמסטע נקמה פון די רעוואָלטירנדיגע מאַסן, און ספּעציעל פון זיינע העלדישע פירער.

קוילן, תפיסות, קאַטאָרגעס און תליות איז דער ענטפער פון די פוילישע פאַשיסטן. פאַר פאַרלאַנגען אַ הוספה אויף שכירות ווערט מען געשטעמפּלט אַלץ קאָמוניסט, אַלץ „מאָסקווער אַגענט", און פאַר אַ קאָמוניסט אָדער אַן אַרבעטער־קעמפער האָט דער פוילישער פאַשיזם איין ענטפער: טורמע, פּייניגונגען פון קרבן ביז משוגעת און תליה.

איבער דער לייגג און ברייט פון פוילן שטייען אויסגעשטעלט תליות און אויף זיי וויגן זיך טאָג־איין, טאָג־אויס די צעקריפּלטע קערפּערס פון די בעסטע זין און טעכטער פון פוילן.

נייע טורמעס ווערן געבויט טאָג־טעגלעך. אָט האָט מען ערשט אויפ־געבויט אַ נייע קאַטאָרזשנע טורמע אין טשענסטאָכאָוו אויף שקאָלנע גאַס. די באַהאַנדלונג פון אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט אין טורמע איז די סאַמע שוידערלעכסטע און קאָן זיך נאָר פאַרגלייכן מיט די פּייניגונגען פון אַרעס־טאַנטן אין דער פינצטערער פעריאָדע פון 15טן יאָרהונדערט אין שפּאַניע.

דער פוילישער פּראָלעטאַריאַט, ניט קוקנדיג אויף די שוידערלעכע קרבנות, וועלכע ס'קומט אים אויס צו לייגן אויפן מזבח פון פוילישן פאַשיזם, ווייזט אַרויס אַ העלדישן ווידערשטאַנד געגן די פאַשיסטן און זיינע פאַר־רעטערישע מיטהעלפער — די פּע־פּע־עס און „בונד". דערויף האָט דער פוילישער פאַשיזם געלערנט אין חדר ביים רוסישן צאַריזם. די פאַשיסטישע פּילסודסקי־רעגירונג אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אויף די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן, וועלכע וואוינען אין פוילן, — אוקראַינער, ווייסרוסן, און ספּעציעל אויף דער אָרימער האָרעפאַשנער אידישער באַפעלקערונג.

דער פאַשיזם אין פוילן איז פאַרצווייפלט, די מאַסן פאָדערן ברויט — נו, שיקט מען אַרויס די פאַשיסטישע „אינטעליגענץ", זינדלעך פון פּריצים און פאַבריקאַנטן, און זיי, מיט דער הילף פון דער פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און דעפענסיווע, שלאָגן, קוילען, ראַבירן די האָרעפאַשנע אידישע באַגעל־קערונג. דאַן קומט דאָס פאַשיסטישע קלאַסן־געריכט און פאַר'משפּט די געליטענע צו טורמע, שמיץ און תליות".

אָט דאָס איז געווען דער באַריכט.

אויסהערנדיג דעם טרויעריגן באַריכט האָבן מיר באַשלאָסן צו העלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פוילן, און מיט אַריבער אַ יאָר צוריק

(סוף 1931) האָבן מיר געגרינדעט דעם טשענסטאָכאָווער ראַיאָנעם קאָמיטעט צו העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילן.

עס איז געווען אַ יאָר פון צוגרייטונגס־אַרבעט, פון שאַפן קאָנטאַקטן מיט די אַרעסטאַנטן, וועלכע ליגן אין די לעבעדיגע קברים פון די פּוילישע קאַטאָרגעס. די אַרבעט איז אין פּוילן פאַרבונדן מיט מסירת נפש (צען יאָר טורמע פאַר שטיצן אַ פּאָליטישן אַרעסטירטן). ביי איצטיגן קריזיס דאָ אין לאַנד איז געווען זייער שווער צו זאַמלען געלט. דאָך האָבן מיר צו פאַרצייכענען אַ דערפאָלג אין אונזער הייליגער אַרבעט.

מיר האָבן געשיקט עטלעכע הונדערט דאָלאַר אין דער טשענסטאָכאָווער, פּיעטרקאָווער און קיעלצער טורמעס צו פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

מיר האָבן אָנגעפירט ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די היגע לאַנדסלייט וועגן דער לאַגע אין די פּוילישע טורמעס.

מיר האָבן אַראַנזשירט אַ פּראָטעסט־מיטינג געגן די פּאָגראָמען אין פּוילן אין אַ געאייניגטער אַקציע מיט די ביאַליסטאָקער און נאָווידוואָרער ראַיאָן־קאָמיטעטן.

: :   :   : :

מיר ווילן דאָ פאַרצייכענען די פריינטלעכע מיטהילף וועלכע מיר האָבן געקראָגן, סיי פינאַנציעל און סיי מאָראַליש, פאַר אָט דער גרויסער אַרבעט פון פאָלגענדע אָרגאַנאַציעס:

ברענטש 11 פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן.
נאָוואָראַדאָמסקער סאָסייעטי.
בענדין־סאָסנאָוויצער סאָסייעטי.
ברענטש 261 אַרבעטער רינג.

אונזער ביז־איצטיגע אַרבעט, ניט קוקנדיג אויף דעם פאַרהעלטניסמעסיגן דערפאָלג, איז אָבער אַ טראָפּן אין ים פון די לײדן פון די פּאָליט־אַרעסטירטע. דער פּוילישער פאַשיזם שטעלט נאָך ניט אָפּ זיין הענקערישע טעטיגקייט. דער אַרבעטער־קלאַס פון פּוילן וועט זי מוזן אָפּשטעלן. און ביז דאַן וועלן גערעכטן אויסטיילן טויזנטער יאָרן טורמע, טויזנטער פון די בעסטע קעמפער וועלן אין די דעפענסיווע־חדרים מיט בלוט אָפּגיין, טויזנטער קערפּערס פון די בעסטע קינדער פון פּוילן וועלן זיך וויגן אויף די פּוילישע תליות.

עס ליגט אַ חוב אויף יעדן איינעם פון אונז דאָס ניט צו דערלאָזן. יעדער אַרבעטער און לאַנדסמאַן מוז זיך מיט לייב און לעבן אַריינוואַרפן אין דער הילפס־אַרבעט. שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט דעם טשענסטאָכאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט באַלד.

העלפט די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אין די פּוילישע קאַטאָרגעס!

נידער מיט דער פּוילישער פאַשיסטישער רעאַקציע!

זאָל לעבן דער קאַמף פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום פאַר זייער ענדגילטיגער באַפרייאונג!

פ ר ע ס ־ ק אָ מ י ט ע ט
פון
טשענסטאָכאָווער ראַיאָנער קאָמיטעט

ניו יאָרק, יאַנואַר, 1933

א י נ ה אַ ל ט ;

א. פאַרוואָרט, פון פ. נאָוויק

ב. צוויי דאָקומענטן, פון זיסקינד ליעוו
ערשטער דאָקומענט — עטקע שטיפטער
צווייטער דאָקומענט — ראָזא צימערמאַן

ג. ביאַליסטאָק

ד. נאָווידוואָרער הילפס־קאָמיטעט

ה. טשענסטאָכאָווער ראַיאָנער הילפס־קאָמיטעט

בילדער :
עטקע שטיפטער
ראָזא צימערמאַן
זעלדע טשענסנער (אין אַ גרופּע)
נאַדיע פערלשטיין

אידישע אַרבעטער

גיט אייער ברודער־האַנט פון שטיצע צו 14 טויזנט פּאָליטישע געפאַנ־גענע, וואָס שמאַכטן אין די תפיסות פון פּוילן.

שליסט זיך אָן און גרינדעט הילפס־קאָמיטעטן צו שטיצן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילן.

פאַרשפּרייט די דאָקומענטן פון זיסקינד ליעוו צווישן די ברייטע אידישע מאַסן.

ווענן באַשטעלונגען און אינפאָרמאַציע זיך ווענדן צו :

R. C. For Political Prisoners in Bialystok, 90 Heyward St., B'lyn, N. Y.

R. C. For Political Prisoners in Novy-Dvor, L. Kirstein, *Secretary*
676 St. Mary's St., Bronx, N. Y.

R. C. For Political Prisoners in Chenstochow, Ab. Kaufman, *Secretary*
105 East 28th St., New York City

פרייז 10 סענט